# 92 The Song of the Murdered Jewish People

YITZHAK KATZENELSON

א. זינג!

„זינג! נעם דיין האַרף אין האַנט, הויל, אויסגעהוילט און גרינג,
אויף זיינע סטרונעס דין וואַרף דיינע פינגער שווער,
ווי הערצער, ווי צעווייטאָקטע, דאָס ליד דאָס לעצטע זינג,
זינג פון די לעצטע יידן אויף אייראָפּאַ'ס ערד".

ב.

— ווי קען איך זינגען? ווי קען איך עפענען מיין מויל,
אַז איך בין געבליבן איינער נאָר אַליין —
מיין ווייב און מיינע צוויי קליינע — אַ גרויל!
מיך גרוילט אַ גרויל... מע וויינט! איך הער ווייט אַ געוויין —

ג.

„זינג, זינג! הייב אויף צעווייטאָקט און געבראָכן הויך דיין שטים,
זוך! זוך אים אויף דאָרט אויבן, אויב ער איז נאָך דאָ —
און זינג אים... זינג דאָס לעצטע ליד פון לעצטן יידן אים,
געלעבט, געשטאָרבן, נישט באַגראָבן און נישטאָ..."

ד.

— ווי קען איך זינגען? ווי קען איך אויפהייבן מיין קאָפּ?
מיין ווייב אוועקגעפירט, און מיין בנציונקען און יאָמעלען — אַ קינד —
איך האָב זיי נישט ביי מיר דאָ, און זיי לאָזן מיך נישט אָפּ!
אָ שאָטנס פינסטערע פון מיינע ליכטיקסטע, אָ שאָטנס קאַלט און בלינד!

ה.

„זינג, זינג לעצטן מאָל נאָך דאָ אויף דר'ערד, פאַרוואַרף
דיין קאָפּ אַהינטער, פאַרגלייז די אויגן אין אים שווער
און זינג אַ לעצטן מאָל אים, שפּיל אויס אים אויף דיין האַרף:
נישטאָ שוין מער קיין יידן! אויסגעהרג'עט און נישטאָ זיי מער!"

ו.

— ווי קען איך זינגען? ווי קען די אויגן איך פאַרגלייזן
אין קאָפּ אין מיינעם הייבן? אַ טרער פאַרגליווערטע האָט
פאַרקליבן זיך אין אויג מיר... זי רייסט זיך, רייסט
פון אויג אַרויס זיך — און זי קען נישט פאַלן... גאָט, מיין גאָט!

ז.

„זינג, זינג, הייב אויף צו הימלען הויך און בלינד דיין בליק,
ווי ס'וואָלט געווען אַ גאָט דאָרט אין די הימלען... ווינק אים, ווינק —
ווי ס'וואָלט געשיינט, געלויכטן אונדז נאָך דאָרטן גרויס אַ גליק!
זיץ אויף די חורבות פון דעם אויסגעהרג'עטן פון פאָלק און זינג!"

## I Sing!

1

"Sing! Take your light, hollow harp in hand.[1]
Strike hard with heavy fingers, like pain-filled hearts
On its thin chords. Sing the last song.
Sing of the last Jews on Europe's soil."

2

—How can I sing? How can I open my lips?
I that am left alone in the wilderness—
My wife, my two children, alas!
I shudder . . . Someone's crying! I hear it from afar.

3

"Sing, sing! raise your tormented and broken voice.
Look for Him, look up, if He is still there—
Sing to Him . . . Sing Him the last song of the last Jew.
Who lived, died unburied, and is no more."

4

—How can I sing? How can I lift my head?
My wife, my Benzionke and Yomele[2]—a baby—deported . . .
They are not with me, yet they never leave me.
O dark shadows of my brightest lights, O cold, blind shadows!

5

"Sing, sing for the last time on earth.
Throw back your head, fix your eyes upon Him.
Sing to Him for the last time, play to Him on your harp:
There are no more Jews! They were killed, they are no more."

6

—How can I sing? How can I lift my head
With bleary eyes? A frozen tear
Clouds my eye . . . It struggles to break loose,
But, God my God, it cannot fall!

7

"Sing, sing! Raise your eyes towards the high, blind skies
As if a God were there . . . Beckon to Him.—
As if a great joy still shone for us there!
Sit on the ruins of the murdered people and sing!"

[1] *Cf.* Ps. 137 (2).

[2] *The poet's wife Hannah and his two younger sons, Benzion and Benjamin, are also referred to by various diminutive forms.*

ח.

— ווי קען איך זינגען — אַז ס׳איז די וועלט מיר וויסט?
ווי קען איך שפּילן מיט פֿאַרבראָכענע מיט הענט?
וואו זענען מײַנע טויטע? איך זוך די טויטע מײַנע, גאָט, אין יעדן מיסט
אין יעדן בערגל אַש: — אָ, זאָגט מיר וואו איר זענט?

ט.

שרייט ארויס פֿון יעדן זאמד, פֿון אונטער יעדן שטיין,
פֿון אַלע שטויבן שרייט, פֿון אַלע פֿלאַמען, פֿון יעדן רויך —
ס׳איז אײַער בלוט און זאַפֿט, עס איז דער מאַרך פֿון אײַער ביין,
ס׳איז אײַער לייב און לעבן! שרייט אַרויס, שרייט הויך!

י.

שרייט אַרויס פֿון חיות־אײַנגעווייד אין וואלד, פֿון פֿיש אין טײַך —
זיי האָבן אײַך געגעסן, שרייט פֿון קאַלכאויוונס, שרייט קליין און גרויס,
איך וויל א גוואַלד, אַ ווייגעשריי, א קול, איך וויל אַ קול פֿון אײַך,
שריי, אויסגעהרג׳עט ייִדיש פֿאָלק, שריי, שריי ארויס!

יא.

ניט שריי צום הימל, ער הערט דיך ווי די ערד, דער הויפֿן מיסט,
שריי ניט צו דער זון, ניט רייד צום לאָמפּ... אַך, ווען איך קען
פֿאַרלעשן זי, ווי מען פֿאַרלעשט אַ לאָמפּ אין רוצחים־הייל דאָ וויסט!
מײַן פֿאָלק, האָסט מער געלויכטן! ביסט ליכטיקער געווען!

יב.

א ווייז זיך מיר, מײַן פֿאָלק, באַווייז זיך, שטרעק די הענט
אַרויס פֿון גריבער טיף און מײַלן־לאַנג און אָנגעפּראָפּט געדיכט.
שיכט אונטער שיכט, מיט קאַלך באַגאָסן און פֿאַרברענט,
אַרויף! אַרויף! שטייגט פֿון דער אונטערשטער, דער טיפֿסטער שיכט!

יג.

קומט אַלע פֿון טרעבלינקי, פֿון סאָוויבאָר, פֿון אַשוויענטשים,
פֿון בעלזשיץ קומט, קומט פֿון פּאָנאַרי און פֿון נאָך, פֿון נאָך, פֿון נאָך!
מיט אויגן אויפֿגעריסן, פֿאַרגליווערט אַ געשריי, אַ גוואַלד און אָן אַ שטים,
פֿון זומפּן קומט, פֿון בלאָטעס אײַנגעזונקען טיף, פֿון פֿוילן מאָך —

יד.

קומט געטריקנטע, צעמאָלענע, צעריבענע, קומט, שטעלט זיך אויס,
אין אַ קאַראַהאָד, אַ ראָד אַ גרויסן אַרום מיר, איין גרויסע רייף —
זיידעס, באָבעס, מאַמעס מיט די קינדערלעך אין שויס —
קומט, ביינער ייִדישע פֿון פּראָשקעס, פֿון שטיקלעך זייף.

טו.

ווײַזט זיך מיר, באַווײַזט זיך אַלע מיר, קומט אַלע, קומט,
איך וויל אײַך אַלע זען, איך וויל אײַך אָנקוקן, איך וויל

8

How can I sing—My world is laid waste.
How can I play with wringed hands?
Where are my dead? O God, I seek them in every dunghill,
In every heap of ashes . . . O tell me where you are.

9

Scream from every sand dune, from under every stone.
Scream from the dust and fire and smoke—
It is your blood, your sap, the marrow of your bones
It is your flesh and blood! Scream, scream aloud!

10

Scream from the beasts' entrails in the wood, from the fish in the river
That devoured you. Scream from furnaces. Scream, young and old.
I want a shriek, an outcry, a sound, I want a sound from you.
Scream, O murdered Jewish people, scream, scream aloud!

11

Do not scream to heaven that is as deaf as the dunghill earth.
Do not scream to the sun, nor talk to that lamp . . . If I could only
Extinguish it like a lamp in this bleak murderers' cave!
My people, you were more radiant than the sun, a purer, brighter light!

12

Show yourself, my people. Emerge, reach out
From the miles-long, dense, deep ditches,
Covered with lime and burned, layer upon layer,
Rise up! up! from the deepest, bottommost layer!

13

Come from Treblinka, Sobibor, Auschwitz,
Come from Bełżec, Ponari, from all the other camps,
With wide open eyes, frozen cries and soundless screams.
Come from marshes, deep sunken swamps, foul moss—

14

Come, you dried, ground, crushed Jewish bones.
Come, form a big circle around me, one great ring—
Grandfathers, grandmothers, fathers, mothers carrying babies.
Come, Jewish bones, out of powder and soap.°

*A reference to the bars of soap made from the fat of the victims.*

15

Emerge, reveal yourselves to me. Come, all of you, come.
I want to see you. I want to look at you. I want

אויף מיין פאָלק, מיין אויסגעהרג׳עטן, אַ קוק טאָן שטום, פאַרשטומט —
און איך וועל זינגען... יאָ... אַהער די האַרף — איך שפּיל!

3–5.10.1943

## ב. איך שפּיל

**א**יך שפּיל. איך האָב געזעצט זיך נידעריק אויף דר׳ערד
און האָב געשפּילט און אומעטיק געזונגען: אָ, מיין פאָלק!
מיליאָנען יידן זענען אַרום מיר געשטאַנען און געהערט.
מיליאָנען אויסגעהרג׳עטע זען געשטאַנען, זיך צוגעהערט — אַ גרויס געפּאָלג!

ב.

אַ גרויס געפּאָלג, אַ מחנה גרויס. אך גרויס! יחזקאל׳ס טאָל
מיט ביינער פול וואָלט אין אַ ווינקל דאָ באַהאַלטן זיך געקענט —
און ער אַליין, יחזקאל, ער וואָלט ניט האָפערדיק אַזוי, ניט גלויביק ווי אַמאָל
צו אויסגעהרג׳עטע גערעדט, ער וואָלט ווי איך פאַרבראָכן מיט די הענט.

ג.

ווי איך, ווי איך פאַרוואַרפן אומבאַהאָלפן שווער דעם קאָפּ,
און אָנגעקוקט פאַרשטערט דעם הימל־גרוי און וויט און וויסט אַרום,
און ווידער שווער אַראָפּגעלאָזן אים, אַראָפּ, אַראָפּ, אַראָפּ,
אַ שטיין פאַרשטיינערט צו דער ערד געבויגן טיף און שטום.

ד.

יחזקאל! ייד, דו ייד אין בבל־טאָל, דו האָסט געזען
די אויסגעטריקנטע די ביינער פון דיין פאָלק, און האָסט —
פאַרלאָרן זיך, יחזקאל... און אַ צומישטער ווי אַ מאַנעקען
פון אייבערשטן פון דיינעם אין טאָל אין יענעם פירן זיך געלאָזט.

ה.

און געלאָזט זיך פרעגן: הַתִחְיֶינָה? זאָג, צי ווערן נאָך
אויפלעבן די ביינער אָ? דו ווייסט ניט יאָ צי ניין —
סאָ וואָס זאָל איך, אָ וואָס זאָל איך שוין זאָגן? וויי, אַ בראָך!
עס איז פון אויסגעהרג׳עטן פון פאָלק פון מיינעם ניט געבליבן קיין געביין!

ו.

ניטאָ אויף וואָס אַ לייב אַרויפצוזעצן און אויף וואָס אַ הויט
אַרויפצוציען און אין וואָס אַריינבלאָזן אַ גייסט —
זע, זע, אַ פאָלק אַן אויסגעהרג׳עטער דאָ גאַנץ, אַ פאָלק געטויט
קוקט אָן אונדז שטאַר, קוקט אָן מיט אויגן אונדז פאַרגליווט.

ז.

זע, זע — מיליאָנען קעפּ און הענט צו אונדז געוואָנדן — צייל!
און פּנים׳ער און ליפּן זע — איז אַ געבעט אויף זיי פאַרשטאַרט צי אַ געשריי?
גיי צו און ריר זיי אָן... ניטאָ וואָס אָנצורירן — הייל!
כ׳האָב אויסגעטראַכט אַ יידיש פאָלק! כ׳האָב אויסגעטראַכט דאָך זיי!

Silently and mutely to behold my murdered people—
And I will sing . . . Yes . . . Hand me the harp . . . I will play!

October 3–5, 1943

## II I Play

1

I play. I sat down low on the ground,
I played and sang sadly: O my people!
Millions of Jews stood around me and heard,
Millions of murdered—a great throng—stood listening.

2

A great throng, a huge crowd, O how huge!
Far greater than Ezekiel's valley of bones.°
And Ezekiel himself would not have spoken to the murdered of trust and hope
*See 6.*
As in bygone days, but would have wrung his hands like me.

3

Like me he would cast back his head helplessly,
Stare bewildered at the grey, remote, dreary sky,
And again drop his head heavily, down, down, down,
Like a petrified stone, bent deeply and mutely to the ground.

4

Ezekiel, O you Jew of the Babylonian valley,
Seeing the dry bones of your people, you were shocked
And lost, you let yourself be led,
Like a puppet, by your God into that valley.

5

*Ezek. 37:3.*
When asked "*Ha-teḥyenah?*°
Can these bones live?" You could not answer,
So what am I to say? Woe and grief!
Not even a bone remains from my murdered people.

6

No bone is left for new flesh, new skin,
For a new spirit of life—
Look, look, here is a murdered people,
Staring at us with lifeless eyes.°

*For the motif of silently staring eyes that the poet begins to elaborate on, see "In the City of Slaughter," lines 41–51.*

7

Millions of heads and hands turn to us—try to count them!
See their faces and lips—is that a prayer or a frozen cry?
Go, touch them . . . There's nothing left to touch—hollow.
I invented a Jewish people. I made believe in my heart.

4.

ניטאָ זיי! און זיי וועלן דאָ אויף דר'ערד שוין מער ניט זיין!
איך האָב זיי אויסגעטראַכט, יאָ, אַזוי זיץ איך און איך טראַכט זיי אויס —
נאָר אמת זענען זייערע עינויים וואָס דו ועסט, די פּיין, די פּיין
פֿון זייער אויסגעהרג'עט ווערן איז דאָך וואָר און גרויס...

ט.

זע, זע, זיי שטייען אַלע אַרום מיר און ווייט און לאַנג,
און אַלע זיי — אַ שוידער גייט אַדורך מיר, דורך מיין לייב —
זיי קוקן מיט בן־ציון'קעס, מיט יאָמעקס אויגן באַנג,
זיי קוקן אַלע מיט די אומעטיקע אויגן פֿון מיין ווייב.

י.

מיט מיין ברודער בערלס גרויסע, בלאָע אויגן — יאָ!
ווי קומט צו זיי זיין בליק? אָט איז ער! ער אַליין!
ער זוכט די קינדער זיינע און ער ווייסט ניט אַז זיי זענען דאָ,
צווישן די מיליאָנען דאָ... איך זאָג עס אים ניט, ניין...

יא.

מיין חנה'ן האָט מען צוגענומען אינאיינעם מיט אונדזערע צוויי זין!
מיין חנה ווייס, מיט איר צוזאַמען האָט מען זיי פֿאַרשלעפּט —
זי ווייס נאָר ניט וואו צבי איז? זי ווייס פֿון מיר ניט וואו איך בין,
זי ווייסט ניט פֿון מיין אומגליק, זי ווייסט ניט אַז איך לעב...

יב.

זי הויבט צו מיר די אויגן אירע ווי ס'הויבט די אויגן שטום
צו מיר דאָס פֿאָלק דאָס גאַנצע און ווי זי וואָלט מיך ניט געזען —
קום, שווייגנדיקע און אַזוי פֿיל זאָגנדיקע, קום, חנה, קום,
קוק איין זיך, הער זיך צו צום קול צו מיינעם און דערקען!

יג.

הער, בנציק'ל מיין יונגינקער, מיין גאון, דו פֿאַרשטייסט
אַן איכה־ליד אַ לעצטס פֿון לעצטן, לעצטן ייד —
און דו, מיין יאָמעלע, מיין ליכטיקער, מיין טרייסט,
וואו איז דיין שמייכל, יאָם? אַ, שמייכל, שמייכל ניט...

יד.

איך שרעק פֿאַר אים זיך, יאָמעלע, אַזוי ווי מען באַדאַרף
פֿאַר מיידס אַ שמייכל שרעקן זיך... הער צו זיך צום געזאַנג —
איך האָב מיין האַנט ווי אַ האַרץ געוואָרפֿן אויף מיין האַרף,
און זאָל אונדז וויי טאָן מערער נאָך!.. אוי וויי, אוי באַנג!..

טו.

יחזקאל'ען, אים, ניין, ירמיה'ן... אים אויך, איך דאַרף אים ניט!
איך האָב גערופֿן זיי: אַ העלפֿט מיר, העלפֿט אַרויס!

8

They are gone! They will never be back on this earth!
I invented them. Yes, I sit and make believe.
Only their sufferings are true. Only the pain
Of their slaughter is true and great indeed . . .

9

Look! Look! They all stand around me, endless throngs.
A shudder goes through me—
All of them look with Ben Zion's and Yomke's sorrowful eyes.
All of them look with the sad eyes of my wife

10

*The poet's younger brother, formerly the director of a Hebrew high school in Lodz.*

With my brother Berl's° big blue eyes—yes!
How did they get his look? There he is! It's he!
He looks for his children, not knowing that they're here
Among the millions . . . But I shall not tell him, no . . .

11

*I.e., in the ~~Drancy~~ camp.*

My Hannah was taken with our two sons!
My Hannah knows; they shared her fate—
She does not know where Zvi is, nor where I am.°
Nor of my misfortune, that I am still alive . . .

12

She lifts her eyes to me in silence,
Sightless like all the rest.
Come Hannah, so silent and so eloquent, come.
Look at me. Listen to my voice, recognize me.

13

Listen Benzikl, my young prodigy. You'll understand
The last elegy of the very last, last Jew—
And you, Yomele, my light and comfort.
Where is your smile, Yom? O don't smile, don't . . .

14

I dread it, Yomele, as others surely fear
My smile . . . Listen to the song—
I fling my hand, like a heart, upon my harp.
Let it hurt us even more. And haunt the pain! . . .

15

Evoke not Ezekiel, evoke not Jeremiah I don't need them!!
I called them: O help, come to my aid!

נאָר כ'וועל אויף זיי ניט וואַרטן מיט מיין לעצטן ליד —
זיי מיט נביאות און איך אין ווייטאָקן אין מיינע גרויס.

15.10.1943

## ג. אָ ווייטאָקן איר מיינע!

ווייטאָקן! אָ ווייטאָקן איר מיינע... וואויל, יידן אייך, אָ וואויל אייך, וואויל!
וואויל אייך עלנטע, אייך איבערבלייבעכצן אויף יענע זייטן ים,
וואָס איר ווייסט עס ניט. אַך, ווען עס עפנען מיינע ווייטאָקן אַ מויל
זיי וואָלטן אייך דאָס לעבן אייער'ס, אייך די וועלט פאַרפינסטערט און פאַרסמ'ט.

ב.

ווייטאָקן, איר וואַקסט דאָך אַזוי גרויס אין מיר, איר וואַקסט און שטייגט —
וואָס עקבערט איר? צי רייסט איר עס אין מיר אריין זיך, צי רייסט איר זיך ארויס?
ניט רייסט ארויס זיך, ווייטאָקן! וואַקסט, וואַקסט אין מיר און שווייגט,
שווייגט ווייל איר טוט מיר ווי אַזוי, אָ ווייטאָקן איר מיינע, ווייל איר זענט גרויס!

ג.

ווייל איר גראָבט אין מיר און עקבערט אין מיר בלינד מיט אויגן צו
און מיט מיילער אָפן ווי ווערים אין אַ קבר טיף... אָ ווייטאָקן, אָ שמאַרץ!
טאָ שווייגט אין מיר, מיט מיינע אַלע די געהרג'עטע, ליגט, ליגט אין אייער רו!
ליגט, ווייטאָקן, אין מיר, ווי ווערים אינם כריין, אין אויפגעגעסענעם אין האַרץ.

ד.

אני הגבר, איך בין דער מאַן וואָס האָט זיך צוגעקוקט, וואָס האָט געזען
ווי מען האָט די קינדער מיינע, מיינע פרויען, מיינע יונגע און מיינע אַלטע לייט
אין וועגענער געוואָרפן, ווי שטיינער זיי אריינגעשליידערט דאָרט, ווי שטעקן,
און געשלאָגן זיי גאָר אָן רחמנות און גערעדט צו זיי פאַרשייט.

ה.

איך האָב פון פענסטער שטיב אַרויסגעקוקט, געזען די שלעגער — גאָט!
איך האָב באַטראַכט די שלעגער און די געשלאָגענע באַטראַכט —
און האָב פאַרבראָכן מיט די הענט פאַר שאַנד... אָ, שאַנד און שפּאָט,
מען האָט די יידן, אַך, מיט יידן — מיינע יידן אומגעבראַכט!

ו.

משומדים און ערב משומדים מיט די שטיוול גלאַנציק אויף די פיס,
און אין די היטלען מיטן מגן־דוד ווי אַ האַקנקרייץ זיי אויף די קעפּ,
און מיט אַ שפּראַך אַ פרעמדע און פאַרגרייזט אין מויל און גראָב און מיאוס.
האָבן זיי פון וואוינונגען געשלעפּט אונדז, געשליידערט פון די טרעפּ.

ז.

זיי האָבן טירן אויפגעריסן און אריינגעריסן זיך מיט גוואַלד, מיט גוואַלד
אין הייזער יידישע, פאַרמאַכטע, מיט העלצער, אויפגעהויבן אין די הענט —
אויפגעזוכט אונדז און געשלאָגן און צו די וועגענער געטריבן יונג און אַלט,
אין גאַס אריין! געשפּיגן גאָט אין פּנים, דאָס ליכט פון טאָג געשענדט.

But I will not wait for them with my last song—
They have their prophecy and I my great pains.

October 15, 1943

## III O My Agonies

1

O agonies! O my agonies . . . Rejoice O Jews, rejoice!
Rejoice you forlorn remnants across the sea.°
In your ignorance. O if my agonies could speak.
They would poison your life, they would darken your world

*I.e., the Jews in America.*

2

Agonies, you grow in me, you grow large, you swell—
Why do you gnaw at me? Are you forcing your way into me or out?
Don't leave me, agonies! Grow, grow in me quietly.
O my agonies, be still, you hurt me so, you are so painful!

3

You dig into me and gnaw blindly with closed eyes,
With open mouths like worms in a grave . . . O agonies! O pain!
Rest silently in me like all my dead!
Rest in my consumed heart, like worms in rotten moss.

4

*Ani hagever.*° I am the man who watched, who saw
How my children, my women, my young and old, were thrown
Like stones, like logs, into wagons,
Brutally beaten, rudely abused.

*Lam. 3:1 (4).*

5

I watched from the window and saw the brutes—O God!
I observed the beaters and the beaten—
I wrung my hands in shame. O what disgrace and shame.
Jews were being used, ah, to destroy my Jews!°

*A reference to the Jewish Police.*

6

Apostates and near-apostates with shiny boots on their feet,
Hats with the Star of David, like a swastika, on their heads,
An alien, corrupt and vile tongue on their lips,
Dragged us from our homes, flung us down the stairs.

7

They smashed doors and forced their way
Into closed Jewish homes with raised clubs in their hands—
They hunted us, beat us and drove young and old to the wagons,
Into the street! They spat in God's face, profaned the light of day.

6.

ח.

זיי האבן אונדז ארויסגעשלעפט פון אונטער בעט, פון שאנק אונדז און געפלוכט:
-דער וואגן וואַרט! צו אלדי שווארצע יאר, צום אומשלאק! אייך, צום טויט!-
זיי האבן אלע אונדז פון שטוב ארויסגעשלעפט און אלץ נאך דארט ארומגעזוכט —
דאס לעצטע קלייד פון שאנק, דאס לעצטע ביסל קאשע, דעם לעצטן פעניץ ברויט.

ט.

און אויפן גאס — מען קען משוגע ווערן! אויפן גאס — קוק צו זיך און ווער דול!
די גאס איז אויסגעשטארבן און אין איין גרויס געפילדער, איין געשריי —
די גאס — וויסט, ווייט ארויף און ווייט אראפ איז ליידיק און — די גאס איז פול,
וועגענער מיט יידן! קוק אויף די וועגענער — אויף וועגענער איז אך און ווי, איז א געשריי...

י.

וועגענער מיט יידן! מען פארברעכט די הענט, מען רייסט פון זיך די האר —
און מאנכע שווייגן — די שווייגנדיקע, אך! זיי שרייען העכער נאך!
זיי קוקן צו זיך... ס'בלויזע קוקן זייער'ס... איז'ס א חלום שלעכט? צי איז עס וואר?
און באשטיוולטע, באהיטלטע פאליציע יידישע ארום די וועגן — ווי, א בראך!

יא.

דער דייטש שטייט אין א זייט און ווי ער וואלט קוים קוים צו זיך געלאכט —
דער דייטש שטייט פון דער ווייטנס, דער דייטש — ער מישט זיך נישט אריין,
ווי מיר, ווי מיר, דער דייטש! ער האט מיט יידן — מיינע יידן אומגעבראכט!
קוק אן די וועגענער! קוק אן די שאנד, קוק אן, קוק אן די פיין!

יב.

איך האב געזען די וועגענער די פולע אין מיין פענסטער... כ'האב געהערט
די וויינגעשרייען ביז צום הימל און די קרעכצן שטיל און שטומערהייד —
א, וועגענער פון פיין באלאדן לעבעדיג און צו דעם טויט געפירט! די פערד
זיי זענען געגאנגען, און די רעדער אויך, זיי האבן זיך געדרייט...

יג.

א נארישע איר פערד, וואס לאזט איר הענגען טרויעריק די קעפ?
וואס דרייט איר אומעטיק זיך רעדער? צי ווייסט איר וואו אהין
איר פארט און וואו אהין איר פירט אוועק זיי? וואו אהין איר שלעפט
די אידעלע, די טעכטער פון מיין פאלק, מיינע די געראטענע די זין?

יד.

אך ווען איר ווייסט — איר וואלט צעהירזשעט ווילד זיך, זיך געשטעלט
אויף די הינטערשטע די פיס און די פיס די אויבערשטע ווי הענט
ווי מענטשלעכע פארבראכן אין פארצווייפלונג פאר דער גאנצער וועלט,
און די רעדער, רונדיקע — זיי וואלטן דרייען זיך ניט מער געקענט...

טו.

זיי ווייסן ניט און פארן, זיי פארקירעווען פון נאוואליפקי, זעט
אויף זאמענהאף, דער וועג צום אומשלאק אפגעצוימט, דארט ווארט

*Abreviated form of Umschlagplatz.*

8

They pulled us out from under the beds and closets, cursing
"The wagon is waiting! Go to hell, to the *Umschlag*,* to death!"
They dragged us to the street and continued to prowl—
The last dress in the closet, last bit of grain, last morsel of bread

9

Look into the street and you'll go mad!
The street is dead, yet full of shrieks and screams—
The street is empty, yet the street is full.
Wagons laden with Jews, with mourning and grief!

10

Wagons laden with Jews, wringing their hands, pulling their hair—
Some are silent—their scream is loudest!
They watch, they look . . . Is it a nightmare? Is it real?
Around the wagons, alas, woe is me! Jews in police uniforms, in boots and
hats!

11

The German stands aside, as if smugly sneering—
The German stands aloof—he doesn't interfere.
Woe unto me—the German had Jews destroy my Jews.
Look at the wagons, behold the shame, look and see the suffering!

12

From my window I saw the crowded wagons . . . I heard
The heaven-rending cries and the silent sighs—
O wagons of pain, laden with the living carried to death
The horses marched on, the wheels rolled on . . .

13

O stupid horses, why do you hang your heads in gloom?
O wheels, why do you roll on sadly? Do you know where
You are going, where you carry them? Where you are dragging
The noble daughters of my people, my gifted sons?

14

If you only knew—you would neigh furiously, rise
On your hind legs and wring your front legs,
Like human hands, in despair, in front of the entire world
And the round wheels would come to a halt . . .

15

They do not know. They go on. They turn from Nowolipki.

א צוג, וואַגאָנען וואַרטן, ליידיקע, זיי פירן אלץ אונדז אוועק, העט, העט —
און קומען מאָרגן ליידיקע אָן ווידער... אַ שרעק אין מיר פאַרשטאַרט!

22.10.1943

ד. זיי זענען דאָ שוין די וואַגאָנען ווידער!

א שרעק, א מורא אימה'דיק, א פחד גרויס באַפאַלט מיך, נעמט ארום מיך פעסט —
זיי זענען דאָ שוין, די וואַגאָנען ווידער! נעכטן ערשט, פאַרנאַכט — אַוועק —
און היינט — זיי זענען דאָ שוין ווידער, זיי שטייען אויפן אומשלאַק שוין... דו זעסט,
די אָפענע די מיילער? זיי האָבן אויפגעעפנט זיי אַ שרעק!

ב.

זיי ווילן נאָך! זיי ווילן ווידער שוין, זיי ווערן גאָר נישט זאַט,
זיי שטייען שוין און וואַרטן — יידן! ווען ברענגט מען זיי אַהער?
הונגעריקע — ווי זיי וואָלטן נאָך קיין ייד אין מויל אין זייערן געהאַט...
געהאַט! און אז געהאַט איז וואָס? זיי ווילן מער'ער נאָך, זיי ווילן מער!

ג.

זיי ווילן נאָך, זיי שטייען שוין און וואַרטן ווי געגרייט אַ טיש,
און גרייט צום עסן — יידן! אהער זיי, וויפל ס'וועט אריין!
יידן! ס'אַלטע פאָלק מיט קינדער יונגינקע, יונג אזוי און פריש,
יונגע טרויבן פון אַן אלטן צווייג, און יידן אלטע ווי אלטער, שטאַרקער ווייַן.

ד.

מיר ווילן נאָך, נאָך יידן... וואַגאָנען ווי גזלנים קאַלט און האַרט.
זיי שרייען: נאָך! און מער נאָך! זיי ווייסן ניט פון קיין גענוג,
זיי שטייען שוין און וואַרטן אויפן אומשלאַק... מען וואַרט אויף אונדז, מען וואַרט,
וואַגאָנען תמעוואַטע, ברייט געעפנטע אַ סך, אַ גאַנצער צוג.

ה.

זיי זענען פול געווען דאָ ערשט, געשטיקט פון יידן זיך דערשטיקט.
יידן טויטע זען' געשטאַנען נעבן צווישן לעבעדיקע דאָ געפּלעפּט —
טויטע זענען געשטאַנען און פאַלן ניט געקענט אין דעם גענדריק,
נאָר ס'איז געווען ניט קאַנטיק ווער פון זיי איז טויט און ווער עס לעבט.

ו.

ביים טויטן יידן האָט דער לעבעדיק געשאָקלט היין און הער דער קאָפּ,
און פון דעם לעבעדיקן האָט געגאָסן זיך דער טויטער שווייס;
אַ יידיש קינד בעט ביי זיין טויטער מאַמען: וואַסער! גיב וואַסער מיר אַ טראָפּ!
ער שלאָגט איר מיט די הענטעלעך אין פנים: לאָז! עס איז מיר הייס!

ז.

און נאָך א קינד, א קליינינקס אויף זיין טויטנס פאָטערס הענט —
יאָ, קינדער, כאָטש פאַרהלש'טע, פאַרשמאַכטע — קינדער האַלטן אויס!
דער טאַטע זיינער, כאָטש אַ גרויסער — האָט ניט אויסהאַלטן געקענט —
ס'קינד ווייסט ניט, ס'בעט זיך אלץ נאָך: קום! קום טאַטע! קום אַרויס!

There waits an empty train to carry us far, far away—
And return tomorrow empty again . . . O my blood runs cold!

October 22, 1943

## IV The Cattle Cars Are Here Again

1

Horror and fear grip me, hold me tight—
The wagons have returned! Only yesterday at dusk they left—
And today they are here again, standing at the *Umschlag*.
Do you see their gaping mouths? Their wide and terrible mouths? O dread!

2

They want more! They are never sated.
They stand waiting for Jews! When will the Jews be brought here?
They are hungry—as if they never tasted a Jew . . .
They have! But what of that? They want more, more!

3

They want more, they stand waiting, as if for a feast,
Ready to devour—Jews! Bring us as many as you can!
The old, the young, the children,
Young grapes from an old vine, and old Jews like old strong wine . . .

4

We want more, many more Jews . . . The cattle cars scream
Like cold and hardened criminals: More! There are never enough!
They stand waiting at the *Umschlag*. They wait for us, they wait,
The wide-gaping cattle cars, the entire train.

5

Only a while ago they were crammed, stuffed to suffocation with Jews.
Dead Jews stood among dazed living ones—
Pressed together, the dead stood erect, unable to fall,
No one could tell the living from the dead.

6

The dead Jew's head swayed as if it were alive,
Cold sweat poured down from the living.
A Jewish child begs his dead mother: Water! Give me a drop of water!
Beating her face with his tiny hands. Put me down, I am hot!

7

Another little child on his dead father's arm—
Yes, children, though faint and feeble, still persevere!
His father, though big, could not endure—

און ווייט דארט אין וואגאן, אין יענער זייט דארט, אין יענעם עק וואגאן
איז עפעס פארגעקומען, האט וואס פאסירט און קיינער ווייס ניט וואס?
דער עולם אבער שמייכלט, דער עולם אבער שטויסט זיך אן,
ס׳איז עמיצער ארויסגעשפרונגען דארט... הערט, הערט א שאס!

ט.

ס׳איז ווער ארויסגעשפרונגען... און יידן שמייכלען, מען גיט פארשטומט א לאך,
א, יידן טייערע, א, יידן הייליקע איר מיינע וואס איר זייט!
וואס פרייט איר זיך? הערט (דער אוקראאינער) — ער שיסט אראפ פון דאך,
איז וואס? אבי ס׳איז ווער ארויס! אבי עס האט זיך עמיצער באפרייט.

י.

און אז א קויל איז וואס? עס ווינטשן אלע זיך דא אין וואגאן א קויל —
זי מיידט דאך קיינעם ניט! בעסער שוין זי טרעפט אונדז פריי אין פעלד,
איידער... וואו? וואו פירט מען אונדז? ווער זאגט עס וידוי מיט׳ן פולן מויל?
זאגט נאך! זאגט אלע נאך — און ס׳ווארפט פון היטץ אייך אלעמען אין קעלט.

יא.

ליידיקע וואגאנען! איר זענט ערשט פול געווען, יעצט זענט איר ווידער לער.
וואו האט איר זיי א היגעטאן, די יידן? וואס איז מיט זיי געשען?
צענטויזנט אפגעציילטע און פארחתמ׳עט — ווי קומט איר ווידער דא אהער?
א, זאגט, וואגאנען, מיר, וואגאנען ליידיקע, זאגט, וואו זענט איר געווען?

יב.

איר קומט פון יענער וועלט, איך ווייס, זי מוז ניט זיין גאר ווייט,
ר׳זענט נעכטן ערשט אוועק פון דאנען אנגעלאדענע און היינט — איר זענט שוין דא!
וואס איילט איר זיך אזוי וואגאנען? וואס האט איר ניט אזוי קיין צייט?
איר וועט ווי איך גיך אלט ווערן, ווי איך צעבראכן, אלט און גרא.

יג.

פון צוקוקן אליין, פון צוזען אלץ, פון צוהערן דאס אלץ — געוואלד!
ווי האלט איר׳ס אויס, און כאטש איר זענט פון אייזן און פון האלץ!
א, אייזן! ביסט אין דר׳ערד געלעגן טיף, א אייזן, אייזן קאלט,
א האלץ, דו ביסט א בוים געוואקסן אויף דער ערד, אי הויך, אי שטאלץ!

יד.

און יעצט? איר זענט וואגאנען, לאסט־וואגאנען יעצט. איר קוקט זיך צו,
איר שטומע עדות פון א לאסט אזא און פון אזא א פיין און פון אזא א נויט!
איר האט זיך שטומע און פארמאכטע צוגעקוקט, א, זאגט וואגאנען, וואו
איר פירט, איר האט דאס פאלק, דאס יידישע ארויסגעפירט צום טויט?

טו.

איר זענט ניט שולדיק, מען לאדנט אן אייך דא און מען זאגט אייך: פארט!
מען שיקט אייך אפ מיט פולן, מען טרייבט מיט ליידיקען אייך צוריק אהער —

8

And there on the train, on that side, in that corner,
Something took place. Can it be no one knows?
But the people smile. They guess.
Someone has jumped out . . .Listen, listen, a shot!

9

Someone jumped out . . . Jews smile, laugh quietly.
O dear Jews, O my saintly Jews,
Why are you happy? Listen, the Ukrainian is shooting from the roof.
What of it? Someone got out! Someone is free.

10

Hit by a bullet? Everyone's prayer—
No one can escape it! It's better to be hit in the escaping field.
Than . . . Where? Where are they taking us? Who recites *Vidui*° loudly?
Repeat after him! Let everyone repeat! It makes you shudder.

*The confession of sins before death.*

11

Empty train cars! You were just full, and now you are empty again.
What did you do with the Jews? What has happened to them?
Ten thousand counted and sealed—and here you are again!
O tell me you empty cattle cars, tell me where you have been!

12

You come back from the other world, I know. It cannot be very far.
Only yesterday you left loaded, and today—you are back!
Why this rush? Why such haste?
You will soon be old and broken like me.

13

From mere watching, observing, hearing everything—*Gevald!*°
Though you are iron and wood, how can you endure it?
O iron, you came from deep in the earth.
O wood, you were once a tall, proud tree.

*Yiddish for "Help!"*

14

And now? Now you are freight cars watching in silence,
Silent witnesses to such human cargo, such pain and misery.
You watched, closely, silently. O tell me, wagons, where
Did you carry them? Where did you carry the Jewish people to death?

15

It's not your fault, they load you and tell you: Go!

וואגאנען איר, איר קומט פון יענער וועלט, אַ זאָגט מיר, זאָגט א וואָרט,
גיט רעדער זיך אַ דריי, דערציילט, און איך, איך לאָז די טרער...

26.10.1943

## ה. די זיצונג אין דער קהלה וועגן צען...

דערציילט, דערציילט וואַגאָנען, איר זענט געווען די איינציקע אויף דער לויה, איר —
אַ, טויט־קאַסטנס איר, איר האָט זיי לעבעדיקערהייט געפירט אין לעצטן וועג,
איר, טויטע איר, איר האָט געפירט די לעבעדיקע צו דער קבורה, ר'האָט געפירט
אין לעצטן וועג זיי... און עס ענטפערן די טויטן־קאַסטנס אָפּ: ניט פרעג...

ב.

דערציילט, דערציילט, כאָטש איך ווייס מער פון אייך, איך ווייס פון אָנהייב אָן,
איך האָב געזען דאָך די מודעה, דער קהלה־ראַט אליין, ער האָט די שטראָף
אונטער איר געשריבן... יאָ, מען האָט עס אים געהייסן און ער האָט'ס געטאָן —
זעקס טויזנט אין אַ טאָג! איך ווייס דעם אָנהייב... איר, איר ווייסט דעם סוף.

ג.

דערציילט, איך ווייס דעם אָנהייב נאָר... דער אָנהייב איז ניט אַלץ, איך וויל
איר זאָלט דערציילן מיר דעם סוף, דערציילט... צי שטערט אייך מיין געוויין?
דערציילט דעם סוף מיר, איר דערציילט און איך וועל הערן און וועל וויינען שטיל,
דערציילט, איך בין א פעלז געשלאָגן און ס'גיסט פון מיר זיך, ס'קאַפּעט פון אַ שטיין.

ד.

דערציילט, דערציילט! אַ ניט וועל איך דערציילן... יאָ, איך אליין דערצייל
און איך, איך וויין אליין... באַוויינט, אָ אויגן מיינע, וואָס איר האָט געזען,
אַ טרומנעס, טרומנעס שטום, ס'איז דאָ וואָס צו דערציילן אין דעם לעצטן טייל,
צי ווייסט איר ווי פון יידן, זעקס טויזנט אין א טאָג ז'געוואָרן צען?

ה.

איר האָט דאָך עהערנעכטן זעקס אוועקגעפירט! זעקס טויזנט יידן נאָר,
געפירט, אוועקגעפירט צום טויט זיי, אַלע זיי, וואָס עפּעס נעכטן מער?
צענטויזנט! גאַנצע צען! עס זאָל פון זיי ניט פעלן חס וחלילה ניט קיין האָר!
און באַלד אויפמאָרגן, נאָך די ערשטע זעקס, א שפרונג אזוי — הערט, הערט:

ו.

מען האָט אריינגעריסן זיך ווי חיות ווילד אין קהלה־הויז, צום „עלטסטן ייד",
צו טשערניאַקאָוון, צום פּרעזעס פון דער קהלה, און געזאָגט צו אים אזוי:
מיר ווילן ניט קיין זעקס! זעקס טויזנט יידן ווילן מיר שוין ניט,
מיר ווילן צען! צען! צען! אזוי האָט מען געזאָגט אים: קורץ און שאַרף און רוי.

You come from the other world, tell me, say a word.
O rolling wheels, tell me and I will shed a tear . . .

October 26, 1943

## V
## THE MEETING IN THE *KEHILLAH* ABOUT TEN

*1*

Speak! O wagons, speak! You were the only ones present at the funeral.
O you coffins, you carried them alive on their last journey.
You, the lifeless, carried the living for burial. You took them
On their last journey . . . The coffins reply: "Do not ask, do not prey . . ."

*2*

Speak, though I know more than you, I know how it began.
I saw the proclamation. The *Kehillah* council signed the death warrant.
It was an order and they complied —
Six thousand a day! I know the beginning, you — the end.

*3*

Speak, I only know the beginning . . . It is not all.
I want you to tell me about the end . . . Does my crying disturb you?
Tell me about the end, I'll listen and cry silently.
Speak, I am a stricken, cascading rock, a dripping stone.

*4*

Speak! If not, I will . . . Yes, I'll tell,
And I, I cry alone . . . O my eyes, lament what you have seen.
O coffins, silent coffins, there is much to tell about the end.
Do you know how six-thousand-Jews-a-day became ten-thousand?

*5*

Only the day before yesterday you carried six, only six thousand Jews.
You carried them all to their death. But yesterday they were more.
Ten thousand, precisely, not one must be missing!
Suddenly, the day after the first six became ten. Listen how —

*6*

They broke into the *Kehillah* like wild beasts, to the "Jewish elder",
The *Kehillah* chairman, Czerniakow, and cried:
"Six is no longer enough, we will not have it!
We demand ten!" Was their quick, rude order.

ז.

און היינט נאך זאל ארויסגעהאנגען ווערן צו די יידן אלע אן אפיש:
צען טויזנט אייך, מארגן נעמט מען צען שוין אייערע! — און מען איז אוועק.
דער פרעזעס פאלט א בלאסער אין זיין טיפן שטול, ביים גרינעם טיש...
דו שרייבסט? וועסט אונטערשרייבן צען? מיט וויפל זענען מערער צען פון זעקס?

ח.

טשערניאקאוו? אינזשיניער טשערניאקאוו? אדאמיע? הער, דו הערסט?
און צען? ס'איז טאקי מער... יא... הער נאר, הער אדאמיע... וואס?! וואס פאלט דיר איין? דו מיינסט
עס אויף אן אמת? הא? דיין סעקרעטארקע איז'ס... זי ווייס ניט וואס דו קלערסט,
וואס שיקסטו זי ארויס, אדאמיע? אך דו וויינסט, דו וויינסט...

ט.

וואס וויינסטו? א, דו ביסט נאך אלעמען א וואוילער מענטש... נאר צווישן אונדז גערעדט
א קנאפער ייד... עס גייט דיר דען אין צען? אויף זעקס, הא, גייסטו איין?
ביסט עפעס בייז — אויף וועמען, זאג? אהא, אויף זיך... דאס קלאפסטו זיך על־חטא,
סם'סט זיך... עך, מאך'ס גיכער, גיך... באלד קומט דער גאנצער קהלה־ראט אריין!

י.

דו ביסט א קנאפער ייד, אדאמיע, דו סם'סט זיך גאר, דו הרג'עסט זיך אליין?
א יידן הרג'עט מען... אך, אויף געהרג'עט ווערן פאדערט זיך א גרעסערע א קראפט...
נאר גארניט... גארניט... טרינקסט? דו וואשסט, אדאמיע, זיך, דו וואשסט זיך ריין?
דיין לעבן, יא, דיין לעבן — ערב שמד... דיין שטארבן האט א גרעסערן א האפט.

יא.

וואס קומט ארויס? דו ניט, דו טאקי — ניט, נאר ער, דער קהלה־ראט, דער ראט —
ער וועט דאך איינגיין... ס'ווענדט זיך דען אין אים? עס איז דאך נאר פרא פארם...
זיי ווילן צען... גיי מאך! די זעלבע ספקות נעבעך וואס דו, אדאמיע, האסט געהאט
ביי זעקס... גיי מאך... עס טאטשעט זיי, עס עסט זיי נעבעך טיף דער זעלבער ווארם...

---

יב.

אדאמיע... סס... ר'איז טויט שוין, דער פרעזעס זיצט א טויטער אין זיין שטול און ווארט,
די אויגן צו אין אפענעם געזיכט, דער קאפ פארוואָרפן — זיצט ער אויבן־אן —
דער ראט קומט אן, קלאפט אן — וואס האט ער זיך, דער פרעזעס, דארט פארשפארט?
ער האט דעם ראט צונויפגערופן אן אייליקע א זיצונג... קלאפט! קלאפט אן!

יג.

עס האט זיך זיי געדאכט אז עמיץ זאגט פון אינעווייניק זיי: אריין!
עס האט זיך זיי געדאכט נאר... יא, דער פרעזעס זיצט א טויטער אויף זיין שטול —
פרעזעשיע? דו? דו האסט דאך אונדז גערופן? א זיצונג דארף דאך זיין!
מיר זענען דא... מיר האבן צונויפגעשטעלט זיך אלע, דער קאמפלעט איז פול!

7

And this very day a proclamation to the Jews must be posted:
Ten thousand, tomorrow ten thousand must be deported — and they left.
The chairman grew pale, and fell into the chair by his green desk.
Will you sign? Will you sign for ten? Are ten that much more than six?

8

Czerniakow? Engineer Czerniakow? Adamie? Will you obey?
And ten? It is more . . . Yes . . . What?! What an idea?
Do you mean it? Ha? It's your secretary . . . She doesn't know your thoughts.
Why do you send her away? O you cry, you cry . . .

9

Why do you cry? You are a fine man after all . . . But honestly,
Not much of a Jew . . . Is ten the issue? To six you agree?
You are angry — at whom? At yourself . . . You regret . . .
You take poison . . . Hurry, hurry, the *Kehillah* council will arrive soon!

10

You are not much of a Jew, Adamie. You take poison? Commit suicide?
A Jew is killed . . . O to get killed takes greater courage . . .
But it doesn't matter . . . You drink? You cleanse yourself, Adamie?
Your life, yea your life — hardly a Jew . . . Your death has greater meaning.

11

Does it matter? Not you. You'll not— but the *Kehillah* council
Will approve . . . Do they decide? It's a mere formality . . .
Ten are demanded . . . What can be done . . . The same anxieties you had
When six were demanded will gnaw at their hearts and torment them.

---

12

Adamie . . . Sh . . . He's dead. The dead chairman sits in his chair —
With eyes closed, his head tilted, he sits at the head —
The council members come, they knock — why has the chairman locked himself in?
He had called an emergency meeting . . . Knock! Knock!

13

They imagined somebody inside said: Come in!
It only seemed so to them . . . Yes, the dead chairman sits in his chair.
Mr. Chairman? You? You called us? There's a meeting!
We are here . . . We are all here . . . Everyone.

יד.

און יעצט? וואס יעצט? טעלעפאנירן — ניין... זיי וועלן זיין אין כעס...
זיי וועלן... זאגט ניט, גאר ניטש! ר'לעבט, כאטש טויט... וואס יעצט?
יעצט אפהאלטן די זיצונג — צען! יא צען!.. שטיל, שווייגענדיק און בלאס
האט זיך דער קהלה־ראט געזעצט ארום דעם גרינעם טיש... זיי האבן זיך געזעצט —

טו.

דער פרעזעס אויבן אן, און שפעטער זיי, די מיטגלידער פון גאנצן ראט.
עס האבן אויפגעשטעלט די האר זיך אויפן קאפ, דאס בלוט האט אין די אדערן געפרירט.
ס'נעמט עמיצער דאס ווארט — די צונג אין מויל האט אים געציטערט ווי א בלאט.
אלע הערן אויס... דער טויטער פרעזעס פירט די זיצונג, — ווי ער וואלט געפירט.

29.10.43

ו. די ערשטע

און ס'איז אוועק א גאנג: צו צען א טאג, צען טויזנט יידן אין איין טאג, דאס האט
ניט לאנג געדויערט, א, ניט לאנג, מען האט גענומען באלד צו פופצן טויזנט זיי —
די שטאט מיט יידן — ווארשע! די ארומגעצוימטע, די ארומגעמויערטע די שטאט.
איז פאר די אויגן איינגעגאנגען מיר, איז אויסגעגאנגען, צעגאנגען ווי א שניי.

ב.

ווארשע! די אלט יידישע, די פולע ווי א שול יום־כיפור, ווי א מארק אויף א יאריד,
יידן ווארשעווער, יידן האנדלדיקע אויפן מארק, יידן דאווענדיקע אין די שול —
אזוי אומעטיק און אזוי פריילעך — א, פרנסה־זוכנדיקער און גאטזוכנדיקער ייד!
ווארשע די פארמויערטע ארום, די אפגעשלאסענע — איז געווען מיט דיר ערשט פול!

ג.

יעצט ביסטו לער! יעצט ביסטו ליידיק! יעצט ביסטו אויסגעליידיקט גאנץ און לער!
יעצט ביסטו א בית־עולם, א בית־הקברות וויסט, און וויסטער נאך, דו ביסט
גאסן אויסגעשטארבן — און מען זעט קיין מת אפילו זיך ניט וואלגערן דארט מער,
און הייזער אפענע און קיינער גייט ארויס ניט, ניט אריין אין הייזער וויסט.

ד.

די ערשטע אומצוברענגען זענען געווען קינדער, יתומים'לעך פארלאזענע, עס הייסט
דאס בעסטע אויף דער וועלט, דאס שענסטע וואס די ערד, די פינצטערע, פארמאגט!
א, פון די עלנטסטע יתומים'לעך און קינדערהיימען וואלט געוואקסן אונדז א טרייסט,
פון די אומעטיקסטע, שטומע פנים'לעך, די הושך'דיקע, וואלט געטאגט אונדז, וואלט געטאגט!

ה.

יא, יא, איך בין סוף־ווינטער צוויי און פערציק אין א קינדערהיים אזא געווען
און קינדער, ערשט געבראכטע פון דער גאס, געזען, כ'האב אין א ווינקל זיך פארוקט —
און האב אין שויס פון אן ערציערין א קוים צוויי יעריק מיידעלע געזען —
א מאגערינקע, א טויט־בלאסינקע און אויגן ערנסטע, איך האב געקוקט, געקוקט —

14

And now? What now? Call? — no . . . They'll be furious . . .
They'll . . . Don't say anything! He's alive, though dead . . . What now?
Open the meeting — ten! Yes, ten! . . . Silent and pale sat
The *Kehillah* council around the green table . . . They sat —

15

The chairman at the head, then the members of the council.
Their hair stood on end, blood ran cold in their veins —
Some one spoke. His tongue shook like a leaf.
All of them listened . . . As if the dead chairman conducted the meeting —

29.10.1943

## VI The First Ones

1

And it continued. Ten a day, ten thousand Jews a day.
That did not last very long. Soon they took fifteen thousand.
Warsaw! The city of Jews—the fenced-in, walled-in city,
Dwindled, expired, melted like snow before my eyes.

2

Warsaw, packed with Jews like a *shul* on Yom Kippur, like a bustling marketplace—
Jews trading and worshipping, both happy and sad—
Seeking their bread, praying to their God.
They crowded the walled-in, locked-in city.

3

*Cf. Lam.* 1 (4).

You are deserted now. Warsaw, like a gloomy wasteland.°
You are a cemetery now, more desolate than a graveyard.
Your streets are empty—not even a corpse can be found there.
Your houses are open, yet no one enters, no one leaves.

4

*Cf. Bialik's "Upon the Slaughter."* (46)

The first to perish were the children, abandoned orphans,
The world's best, the bleak earth's brightest.°
These children from the orphanages might have been our comfort.
From these sad, mute, bleak faces our new dawn might have risen.

5

At the end of the winter of forty-two I was in such a place.
I saw children just brought in from the street. I hid in a corner—
And saw a two-year-old girl in the lap of a teacher—
Thin, deathly pale and with such grave eyes.

ו.

כ׳האָב אָנגעקוקט זי, די צוויי יאָריקע, די אַלטעטשקע, די באָבע — הונדערט יאָר
איז דאָס יידישע, דאָס מיידעלע שוין אַלט, דער ערנסט אירער און איר גרויסע פּיין —
דאָס וואָס די באָבע אירע האָט אין חלום נים געזען האָט דאָס מיידעלע געזען, און אויף דער וואָר.
איך האָב צעוויינט זיך און געזאָגט זיך: וויין נים, די פּיין פאַרשווינדט און דער ערנסט וועט שוין זיין!

6

I watched the two-year-old grandmother,
The tiny Jewish girl, a hundred years old in her seriousness and grief.
What her grandmother could not dream she had seen in reality.
I wept and said to myself: Don't cry, grief disappears, seriousness remains.

ז.

דער ערנסט בלייבט, ער גיסט זיך אין דער וועלט אריין, אין לעבן, און פאַרטיפט׳ס,
דער יידישער דער ערנסט, ניכטערט אויס, וועקט אויף, רייסט ברייט אויף אויגן בלינד;
ס׳איז ווי א תורה פאר דער וועלט, ווי א נבואה, ווי א הייליקע א שריפט —
וויין נים, וויין נים... אַכציק מיליאָן רוצחים פאר דעם ערנסט פון א יידיש קינד.

7

Seriousness remains, seeps into the world, into life and affects it deeply.
Jewish seriousness sobers, awakens and opens blind eyes.
It is like a Torah, a prophecy, a holy writ for the world.
Don't cry, don't ... Eighty million criminals for one Jewish child's seriousness

ח.

וויין נים... איך האָב געזען א מיידעלע פון אַ יאָר פינף אין יענעם „פּונקט"
זי האָט א וויינענדיקן ברודערל, א קלענערן א סך פון איר, א ליידנדן געגערט...
זי האָט פאַרדאַרטע שטיקלעך ברויט אין א מאַרמאַלאַד א שיטערן געטונקט
און קונציק אים אין מיילעכל אריינגעשמוגלט... מיר איז געווען באַשערט

8

Don't cry . . . I saw a five-year-old girl in that "home."
She fed her younger, crying brother . . .
She dipped hard bread crumbs in watery marmalade
And got them cleverly into his mouth . . . I was lucky

ט.

צו זען עס, זען דער מאַמען, זען דער מאַמען דער פינפיעריקער ווי זי שפייזט אים, אירע רייד
צו אים געהערט. מיין מאַמע, איינע אין דער וועלט, איז נים ערפינדעריש אזוי געווען!
זי האָט א טרער אים אָפּגעווישט מיט א געלעכטער, אריינגערעדט אין אים אַ פרייד,
ס׳יידיש מיידעלע! שלום־עליכם האָט עס בעסער נים געקענט. איך האָב׳ס געזען!

9

To see it, to see the five-year-old mother feeding him,
And to hear her words. My mother, though exceptional, was not that inventive.
She wiped his tear with her laughter and talked him into joy.
O little Jewish girl. Sholem Aleichem could not have done any better. I saw it.

י.

איך האָב געזען דעם גרויסן עלנט דאָרט, אין קינדערהיים אין יענעם, כ׳בין אריין
אין צווייטן זאַל — דאָרט אויך, דאָרט אויך — עס האָט געיאָגט א ביטערע אַ קעלט.
פון ווייטן האָט אַן אויוון אויף אַ בלעך געוואָרפן אויף א הייפל קינדער העל א שיין,
עס האָבן קינדערלעך האַלב־נאַקעטע ביים קאָקס, ביים גליענדיקן זיך ארומגעשטעלט.

10

I saw the misery in that children's home.
I entered another room—there, too, it was fearfully cold.
From afar a tin stove cast a glow on a group of children.
Half-naked children gathered around the glowing coal.

יא.

עס האָט געגליט דער קאָקס. דער האָט א פיסעלע, דער א געפרוירן הענטעלע ארויס געשטעקט,
דער א נאַקעטע א פּלייצקע, און איינער א שוואַרץ־אויגיק, א בלאַס ייִנגעלע, נאָך גאָר אַ יונגס,
ער האָט דערציילט א מעשה׳לע. ניין, נים א מעשה׳לע! ער האָט געברויזט, ער איז געווען אויפגערעגט —
ישעיה! דו, אַ דו, האָסט נים געפלאַמט ווי ער, האָסט נים געהאַט אזא א יידישע א צונג.

11

The coal glowed. One stretched out a little foot, another a frozen hand,
A naked back. A pale young boy with dark eyes
Told a story. No, not a story! He was stirred and excited—
Isaiah! you were not as fervent, not as eloquent a Jew.

יב.

ער האָט גערעדט א יידיש געמישט מיט לשון־קודש. ניין! ס׳איז לשון־קודש בלויז!
הערט, הערט, קוק אָן די יידישע, די אויגן זיינע, און דעם שטערן און ווי ער הייבט
דעם קאָפּ אויף... ישעיה! ביסט נים קליין געווען ווי ער און נישט געווען אזוי גרויס,
ביסט נים געווען גוט אזוי, נים אמת׳דיק אזוי, און האָסט, ישעיה, נים אזוי געגלייבט!...

12

He spoke a mix of Yiddish and holy tongue. No, it was all the holy tongue.
Listen! Listen! See his Jewish eyes, his forehead,
How he raises his head . . . Isaiah! you were not as small, not as great,
Not as good, not as true, not as faithful as he.

יג.

און ניט אזוי דאָס ייִנגעלע אין יענעם קינדער־פּונקט, דאָס ייִנגעלע וואָס האָט אזוי גערעדט,
נאָר זיינע שוועסטערלעך און ברידערלעך וואָס האָבן אים מיט מיילעכלעך מיט אָפענע געהערט —
אָ ניין, איר לענדער אַלע, אייראָפּאַ'ס אַלטע און נייאויפגעבויטע גרויסע שטעט,
אזוינס האָט דאָך די וועלט נאָך ניט געזען, ניט געהאַט אזעלכע האָט די ערד.

יד.

זיי זענען געווען די ערשטע אומצוקומען, די יידישע די קינדער, אַלע זיי, דאָס רוב
אָן טאַטע־מאַמע. קינדער אויפגעגעסענע פון קעלט, פון הונגער און פון לייז,
משיחים הייליקע, געהייליקטע אין ליידן... אָ, זאָגט, פאַרוואָס די שטראָף?
„פאַרוואָס אין אומקום־טעג די ערשטע צאָלן אים, דעם בייז, דעם העכסטן פּרייז?

טו.

זיי זענען געווען די ערשטע, די גענומענע צום טויט, די ערשטע אויף דער פור,
מען האָט געוואָרפן אין די וועגענער די גרויסע זיי, ווי הויפנס מיסט, ווי מיסט —
און אוועקגעפירט זיי, אויסגעהרג'עט זיי, פאַרניכטעט זיי, ס'איז קיין שפור
פון זיי, פון מיינע בעסטע, ניט געבליבן מער! אַך וויי איז מיר און ווינד איז מיר און וויסט!

2־3־4.11.1943

ז. צו שפּעט

ווי מיר, איך האָב געוואוסט און מיינע שכנים אויך און יעדער איינער ייד,
אַלע מיר פון גרויס ביז קליין, פון אַלט ביז יונג — מיר האָבן עס געוואוסט,
און ניט אַרויסגערעדט פון מויל עס... שאַ! מיר האָבן זיך פאַר זיך אַליין געהיט,
מיר האָבן עס פאַרשוויגן אין געדאַנק אין אונדזערן, פאַרשטיקט אין אונדזער ברוסט.

ב.

איידער נאָך עס האָבן אויסוואורפן פאַרשפּאַרט אונדז אַלע אין די געטאָס ענג,
פאַר כעלמנאָ נאָך, פאַר בעלזשיץ, פאַר פּאָנאַרי נאָך, פאַר אונדזער ענד,
באַלד אָנהייב קריג, באַגעגנדיק אַ פריינד אין גאַס, פלעגן מיר, ווי איך געדענק,
אַראָפּלאָזן די אויגן אונדזערע און פעסטער, פעסטער זיך געדריקט די הענט.

ג.

ניט די ליפּן און די אויגן ניט, קיין וואָרט... די אויגן האָבן זיך געשראָקן אויך
אַ הויכן קוק טאָן... בליקן גיבן אויס ווי ווערטער קלאָרע וואָס מען אָנט...
די הענט! די שטומע הענט — זיי האָבן ניט געשראָקן זיך צו ריידן הויך —
תּקל, תּקל... ווי ווערטער ניט געזען און אויפגעשריבן אויף דער וואַנט...

13

And not only the little boy who spoke in that children's home,
But his little sisters and brothers who listened to him with open mouths—
O no, you countries, you old and rebuilt European cities,
The world never saw such children before: they never existed on earth.

14

They, the Jewish children, were the first to perish, all of them,
Almost all without father or mother, eaten by cold, hunger and vermin,
Saintly messiahs, sanctified by pain . . . O why such punishment?
Why were they first to pay so high a price to evil in the days of slaughter?

15

They were the first taken to die, the first in the wagon.
They were flung into the big wagons like heaps of dung—

And were carried off, killed, exterminated,
Not a trace remained of my precious ones! Woe unto me, woe.

November 2–4, 1943

## VII
## TOO LATE

*1*

Woe unto me, I knew, as my neighbors did and every Jew,
All of us, small and big, young and old— we all knew,
But didn't dare speak of it . . . Sh! — we hid it from ourselves,
Muted it in our minds, stifled it in our breasts.

*2*

I recall, before the villains shut us in narrow ghettos,
Before Chelmno, Belżec, Ponari, before our end,
At the start of the war, when we met friends in the street,
We lowered our eyes, firmly, firmly shaking hands.

*3*

No lips, no eyes, no sound . . . Eyes feared
To look up . . . Looks, like words, reveal one's thoughts.
The hands! Only the mute hands did not fear to speak aloud —
Like the invisible words written on the wall . . . *Tekel, Tekel . . .*

א, ניט נאָר מיר, די ווענט! די ווענט אין יעדער שטוב און יעדער שטיין פון גאַס
האָבן עס געוואוסט ווי מיר, ווי מיר... אָ ווער? ווער האָט עס זיי געזאָגט?
עס האָבן ניט אומזיסט אונדז אָנגעקוקט די ווענט אונהיימליך שטום און בלאַס,
און ס'האָבן שטיינער ניט אומזיסט געקוקט אויף אונדז פאַרשוויגן און פאַרצאַגט...

ה.

אַלע מיר, מיר האָבן עס געוואוסט, פיש אין וואַסער און פויגל אויפן דאַך,
די גויים אַרום אונדז: מען הרג'עט אויס אונדז! מען הרג'עט אַלע אונדז דאָ אויס!
און אָן אַ שום פאַרוואָס? און טו און מאַך! ס'איז אָ באַשטימטע, אַ באַשלאָסענע אַ זאַך:
אים אומברענגען, דאָס יידישע דאָס פאָלק, פאַרניכטן אים פון קליין ביז גרויס.

ו.

ווי נאָר ס'האָט אויסגעבראָכן טעמפּ און מערדעריש ווי היטלער, היטלערס קריג,
ווי נאָר עס האָט אַריינגעריסן זיך אין פּוילן די באַרבאַרישע, די דייטשע האָרד,
האָט דאָס יידישע דאָס פאָלק פאַרלאָזן זיינע שטעט און שטעטלעך — אַ קינד אין וויג
איז ניט געבליבן, ניט געבליבן זקנים אַלטגעזעסענע אויף זייער אָרט.

ז.

מען איז געלאָפן, וואו? אָ פרעגט ניט קיינעם: וואוהין? וואו לויפט איר, וואו?
און פרעגט ניט, קיינעם ניט: פאַרוואָס? וואויל דיר, דו ווייסט עס ניט... ניט פרעג!
און גיב קיין עצה ניט, ניט קיינעם, רייד ניט קיינעם אָפּ און רייד בישט צו...
צי בלייבן אין זיין וואַרימער זיין היים, צי לאָזן זיך מיט אַלעמען אין וועג...

ח.

אין דער היים... זיי רייסן זיך אַריין אין היימען יידישע און טוען דאָרטן אָפּ —
מען זאָל'ס ניט זען, ניט הערן — מען טויט, און ערגער נאָך: מען פאַרשלעפּט! יאָ, מען פאַרשלעפּט.
און אויף די וועגן — פול און ענג, זע, זע: די מעסערשמיטן — ווי נידעריק זיי לאָזן זיך אַראָפּ!
דו זעסט די העלדישע, די פליער, די קוילנוואַרפערס איבער יידנס אויסגעדאַרטע קעפּ.

ט.

ראָט בישט קיינעם גאָרנישט, דיין נאָענסטן ניט, דיין נאָענסטער — ער האָט
פאַרצווייפלט אָנגעשטעלט אויף דיר די אויגן תחנונים'דיק, אַ קנעכט, ווי אַ קנעכט
בעט ער רחמים זיך: וואָס טוט מען? אַך, ווען דו וואָלסט געווען אפילו גאָט —
זאָג אים גאָר בישט! גאָר בישט!... וואָס דו וועסט אים זאָגן וועט זיין שלעכט!

י.

אַלע וועגן, אַלע טראַקטן און שאָסייען האָבן זיך געבראָכן פון דער לאַסט
דער יידישער... אַ לאַסט אָן זעק אויף פּלייצעס, אָן רענצלעך אין דער האַנט...
מען איז געלאָפן שווער באַלאָדן מיט אַ שרעק, אין איילעניש געלאָפן און אין האַסט,
און אָן אַ האָפענונג... אַך, אַן אַנדער לאַנד! ווי כאַפּט מען זיך אַריין דאָ אין אַן אַנדער לאַנד!

יא.

צו שפּעט! צו שפּעט, נאָך עהערנעכטן, נעכטן נאָך, היינט פרי האָט מען געקאָנט
מיט אַן אויטאָבוס, אַ צוג, אַ שלעפּצוג... און צו אַ גרעניץ ערגעץ־וואו —
יעצט איז שוין שפּעט... וואָס יעצט? די פיס ווי אָפּגענומען און די הענט, — ס'פאַלן אָפּ די הענט —
צו שפּעט! יעצט זענען אַלע אויסגאַנג שוין פאַרמאַכט און אַלע טירן צו...

4

O not only we. The walls! The walls of each house, each stone in the street
Knew as we did... Who told them?
No wonder walls stared weird and pale.
No wonder stones stared mute and despondent...

5

We all knew it, the fish in the water, the birds on the roof,
The gentiles around us: We are being killed, all of us killed!
For no reason! Nothing can be done! The die is cast:
To destroy the Jewish people, cut it down root and branch.

6

As soon as Hitler's senseless and brutal war broke out,
As soon as the barbarian German hordes invaded Poland,
The Jews left their towns and villages —
No baby remained in its crib, no old-timer in his home.

7

All ran. Where? Don't ask: Where are you running?
Don't ask: Why? It is better not to know... Don't ask!
Don't encourage, don't discourage. Advise no one
To stay at home or to flee with the rest...

8

At home... They break into Jewish homes. There —
They kill, even worse: abduct! Yes, they spirit away.
And the roads — crowded and crammed. Behold the low-flying *Messerschmidts!*
Look, brave fliers, firing at the Jews' emaciated heads.

9

Don't even advise the one you love most,
Looking at you perplexed, with imploring eyes,
Pleading: "What shall I do?" O even if you were God —
Don't tell him! Don't!... Whatever you say will be wrong!

10

All roads, highways and byways crumbled
Under the mass of Jews... A mass with no packs on back, no bags in hand...
Laden with fear, they rushed, they ran — hastily
And hopelessly... To another country! How can we reach some other country?

11

Too late! Too late! A day before yesterday, yesterday, even this morning,
You could still reach a frontier by bus, train, freight.
Now it's too late... What now? The feet buckle, the hands drop.
Too late! Now all exits are shut, all doors barred...

יב.

אין ראדיא האט גערעדט א דייטש אויף פויליש: „שוין! מיר גייען שוין! מיר קומען אן!

מיר מארשירן שוין אריין. זאל קיינער זיך פאר אונדז ניט שרעקן, קיינער ניט!

מיר וועלן דער ציווילער, דער באפעלקערונג, דער רוהיקער קיין שלעכטס נישט טאן,

דער ייד!" — האט ער אין ראדיא זיך צעשריען הויך! — „זאל שרעקן זיך דער ייד!"

יג.

עס איז געווען מיטוואך, דער מורא׳דיקער מיטוואך, אזייגער צוויי ביינאכט —

און יידן האבן זיך פארצווייפלט אויסגעלאזט אויף וועגן איבער פוילן... די אהין,

און יענע דארט אהער... א, גאט, מען גייט דאך זיכערער און פרייער אין א שלאכט,

נעמען זיך דאס לעבן אויף דער מיאוסער דער ערד דא האט מערער שוין א זין!

יד.

מען איז געלאפן פון בענדין קיין טשענסטאכאוו, קאלישער קיין לאדז און לאדז האט זיך געלאזט

קיין ווארשא, ווארשאווער — זיי אויך, זיי זענען אויך אין שרעק אוועק, פארלאזן זייער היים,

יידן פון דער פרעמד האט אין היימען יידישע פארוואגלאזט ארומגענומען פרעמד א פראסט,

און די שרעק, די שרעק פון וועלכער מ׳איז אנטלאפן באפאלט פון יעדן ווינקל זיי געהיים.

טו.

דאס גאנצע פאלק, דאס יידישע, די דאאיקע, די מאסן פונם בונד,

די כלומרשט פרומע, די אגודה׳ניקעס, די ציוניסטן, די וואס האבן שיין גערעדט —

לופטנהענדלער — אלע האבן פלוצלונג אויפגעכאפט זיך — ס׳האט געפלאצט די וואונד!

קיין ארץ־ישראל, ראטעוועט! נאר ס׳איז געווען צו שפעט.

7־12.11.1943

## ח. איין חרובע, איין אומגעבראכטע היים

צו שפעט פארמאכט די וועגן אלע, און אלע גרענעצן און דורכגענג אויף א שלאס,

די ערד האט זיך פארשלאסן אין דער נידער דא פאר אונדז ווי דער הימל דארטן אין דער הויך,

מען איז אין אנגסטן גרויס דערגאנגען ביז לובלין און ווייטער נאך... יעצונדער — וואס?

דער טויט — ער איז פארלאפן אונדז דעם וועג, מיט בלוט, מיט פייער און מיט רויך.

ב.

מען איז געלאפן און געבליבן ניט דערלאפן... אך, די דערלאפענע מיט גליק,

די אנגעקומענע מיט פיס געשוואלן און אין וואונדן, כלומרשט צו א ציל —

זיי קוקן פינסטער און פארצווייפלט זיך ארום, און ווילן צריק, צוריק!

צוריק אהיים! יא, מיר פארקערעווען צוריק אהיים — זאל זיין שוין וואס עס וויל!

ג.

מען האט פארקערעוועט צוריק... א, וועגן טרויעריקע צריק, א, גאט!

דערזעלבער גיהנום, אך, ווי גייענדיק אהער, דער זעלבער שוידער, די זעלביקע געפאר —

נאר וואס? א היים! אויב אומקומען איז אין דער אייגענער דער שטאט,

און אין מיין גאס, אין שטוב אין מיינער, אין מיין בעט... אהיים! אהיים אין צער.

12

A German spoke on the radio in Polish: "Now! We are coming!
We are marching in. Nobody should fear us, nobody!
The peaceful civilian population will not be harmed.
The Jew! — he shouted on the radio — only the Jew should fear us!"

13

It was Wednesday, the dreadful Wednesday, two in the morning,
Jews in their despair scattered on the roads of Poland,
Some this way, others that... O God, one goes even to battle in better spirits.
Even suicide makes more sense on this ugly earth.

14

Bendiners to Czenstochow, Kalishers to Lodz, Lodzers to Warsaw.
Warsovians, too, left their homes and fled in panic.
In the alien, empty homes an eerie chill gripped the refugees,
And the fear they fled assailed them from every corner.

15

All the jewish people here, the *doigke*, the masses of the *Bund*,
The would-be pious *Agudists*, the garrulous Zionists —
All trashpeddlers suddenly awoke — the boil burst open!
O save us... save! To Palestine! But it was too late.

7-12.11.1943

## VIII

## ONE RUINED DESOLATE HOME

1

Too late. All roads blocked, all frontiers and exits shut.
The earth below, like the sky above, is closed to us.
In a cold sweat some reached Lublin and beyond... Now what?
Death forestalled us with blood, with fire, and smoke.

2

They ran, but alas, did not arrive... O the happy arrivals,
Who with swollen and bruised feet reached their so-called goal.
They look about them, gloomily, despondent, wanting to go back.
Back home! Yes, we are going back — no matter what.

3

They turned back... O mournful roads of return... O God!
The same hell, the same horror, the same danger —
But it's home! If I must die, I'd rather die in my town,
In my street, in my home, in my bed... My sad home!

מען האָט געלאָזן זיך צוריק... דער, נעבעך, איז דערגאַנגען... דער צווייטער, נעבעך, ניט...
יעדערער פון זיי — צי אויפן וועג, צי אין דער היים שוין — האָט געענדיקט שלעכט!
אַ מענטש, צי אויפן וועג דערהרג'עט, צי אויף אַ בוים אין וואַלד געהאַנגען — איז אַ ייד!
און אַן אהיים געקומענער אַ ייד — ווייס פון קיין היים ניט, ניט אין טאָג דאָרט, ניט אין נאַכט.

ה.

ער טאָר ניט ווייזן זיך... אין שטוב ניט, ניט אין הויז, אין גאַס ניט וואו ער וואוינט.
מען האָט אים שוין געזוכט, אַ דייטש, אַ פּאָליאַק נעכטן און שוין אַ פאָלקס־דייטש היינט...
„דו דאָ? ביזט ניט אוועק! איך האָב געמיינט, דו האָסט געראַטעוועט זיך..." רופט אויס דערשטוינט
אין אַ הינטערגאַס אַ צופעליק געטראָפענער, דערשראָקן שטאַרק, אַ גוטער פריינט.

ו.

די שולן זענען שוין פאַרברענט, די ספרי־תורות אויך, די רבנים שוין פאַרפּייניקט... דו!
ביסט אין אַ שול געווען שוין? דער אָרון־קודש שטייט ביים מזרח־וואַנט, דו ווייסט!
און די בימה איז אין סאַמע מיטן שול. און דער רבֿ ר' יאָסעלע... וואו איז ער, וואו?
ער לויפט אַרום דער בימה... מיט אַ שפּיצרוט גראָב אַ דייטש צעווישן דייטשן, אַז ער הייסט...

ז.

דער רבֿ איז אַלט, ר'איז נידעריק געוואַקסן, דער קאַרק איז אויפגעהויבן הויך, ניט גלייך,
און אַ שבֿר אויך, ניט שיין, אַיאַ? ער בייגט אין דרייען זיך און לויפט... אָט, און ער פאַלט!
אַ שפּיצרוט טרעפט אין הויקער יעדעס מאָל, דער דייטשער עולם קוקט און קייכט...
הויב, רבי, אויף דיין ליכטיקן דיין פּנים און פאַרשעם זיי... ניין, באַהאַלט, באַהאַלט

ח.

דיין הייליקן דיין פּנים, רבי! פון דיין פּנים פאַלט דאָך גרויס אַ ליכט —
זאָל דיין ליכט אויף זיי ניט פאַלן, זאָל די זון פאַרשייט מטמא זיין איר שיין,
זאָל דער הימל הויך מחלל־זיין זיין בלוי און ווייזן זיך פאַר זייער טרפה'נעם געזיכט!
ביסט שענער, רבי, פאַר דער זון און ערליכער פון הימל, זאָלסט ווי זיי ניט זיין!

ט.

שטיי, רבי, שטיי... דער דייטש ער בייזערט זיך, ער הייסט דיך בלייבן שטיין,
ער הייסט דעם מויל דיר אויפרייסן, רייס אויף... דער שמש דאַרף אַ שפּיי טון דיר אין מויל,
דער רבֿ האָט אויפגעריסן ברייט אים, דער שמש, נעבעך פּלאַצט אַרויס אין אַ געוויין —
ווי קען איך, האַרעלע? ווי קען איך אים, דעם רבֿ, דעם רבי'ן אונדזערן? אַזאַ אַ גרויל!...

י.

„שפּיי אַריין, שפּיי גיך אַריין אין מויל מיר, דו נאַרישער, דו שמש וואָס דו ביסט!"
דער שמש פאַלט דעם אָפיציר צו זיינע פיס: ווי קען איך, האַרעלע? ווי קען איך שפּייען, ס'טייטש?
ס'איז אונדזער רבֿ, ס'איז יאָסעלע... דער רבֿ שרייט: „שפּיי! ער צילט אין דיר און שיסט!"
דער שמש פאָלגט און ווי ער וואָלט אַ שפּיי געטאָן... דאָ האָט אַ שטויס געטאָן אים שטאַרק דער דייטש

יא.

„קוק, קוק זיך איין און לערן אויס זיך, שמוציקער דו ייד, קוק ווי אַזוי מען שפּייט —"
און ס'האָט דער דייטש אין אָפענעם אין מויל אין רבֿ אַריינגעכראַקעט: „שלינג'ס אַראָפּ!"
דער רבֿ ער האָט אַראָפּגעשלונגען און ס'ווענדט דער דייטש צום שמש זיך און טייט,
טייט אויפן רבֿ: „דו זעסט, ער פאָלגט!" דער שמש האָט געכאַפּט זיך פאַרן קאָפּ.

4
They turned back... One, alas, arrived... Another, alas, did not...
Everyone of them — on the road or at home — came to grief!
Everyone, whether killed on the road or hanged on a tree — a Jew!
And the homecoming Jew — found no home, neither by day nor by night.

5
He must not show himself at home, in the building or on his street.
A German, yesterday's Pole, today's *Volksdeutsche*, has already looked for him.
"You're here? You didn't flee! I thought you saved yourself..."
A surprised, frightened friend exclaims, meeting him unexpectedly in an alley.

6
The synagogues and Torahs have been burned, the rabbis tortured...
Were you at the synagogue? The ark is at the eastern wall, you know,
The *Bimah* in the middle. And Rabbi Yossele... Where is he? Where?
He is whipped and chased by a German around the *Bimah*.

7
The rabbi is old, short, hump-backed, crippled,
Ruptured — unpleasant? — He bends, twists, runs... And falls,
Each fall is greeted by a lash on his hump and the Germans watch and roar.
O, rabbi, lift your bright face and put them to shame... No! conceal, hide

8
Your holy face, rabbi! Your face gives off a great light —
Don't let it shine on them. Let the sun defile its light,
Let the sky desecrate its blue on their vile faces.
You, rabbi, are brighter than the sun, purer than the sky!

9
Stop, rabbi, stop... The German bristles, he tells you to stop,
He orders you to open your mouth... Open it for the sexton to spit into.
The rabbi opened it widely. The poor sexton burst into tears —
How can I, sir? How can I do it to our rabbi?

10
"Spit, spit into my mouth, you childish sexton!"
The sexton throws himself at the officer's feet. "How can I, sir? How can I spit?
It's our rabbi Yossele..." "Spit," the rabbi pleads, "He'll shoot you."
The sexton pretends to spit... The German kicks him hard.

11
"Look, look and learn, you dirty Jew, see how one spits —."
And the German spat into the rabbi's mouth: "Swallow it!"
The rabbi did. The German turned to the sexton, pointing
At the rabbi: "You see, he listens." The sexton reeled in shock.

יב.

כאַטש די קויל — זי האָט דעם שמש געטראָפן נאָר אין פוס — „און יעצט? ארויס מיט אייך. ארויס!"

נ'ער שמש כאַטש ער הינקט, ער פירט דעם רב, דעם אלטינקן ארויס פון שול,

קוים וואָס ער גייט דער רב, ער קען נאָר לויפן ארום דער בימה, לויפן אין גאָטס הויז,

ער פירט אים זאַכט און אונטער פייערדיקע שמיץ פון שפּיצרוט... שלאָג! די מאָס איז נאָך ניט פול!

יג.

זי איז געווען ניט פול אײדער נאָך דער רב איז מיטן שמש זאַכט אהיים געגאַנגען — זעט!

א רויך שפּאַרט ביזן הימל, און ס'רייסן פלאַמען זיך ארויס פון רויך: וואו ברענט און וואָס!

דאָס ברענט די שול! דער ארון־קודש ברענט! די ספרי־תורות, די ייִדישע די שטעט!

דער רב — ער קוקט זיך אום, דער שמש האַלט אים: אָך, די מאָס... פאַרפולט האָט זיך די מאָס!

יד.

א זאָג, אנטלאָפענער אין שרעק, פאַרוואָס א, האָסטו אומגעקערט זיך צריק אהער?

דו ביסט אוועק, פאַרוואָס ביסטו אין אומגליק ניט געבליבן אין דער פרעמד?

דו וואָלסט פאַרשפּאָרט דיין היים אין פּיין אין אירן זען, אין איר געפּרוּבט זיין שווער,

און ווי זי בלוטיקט, ווי זי ווערט פאַרפּייניקט אָן א שום פאַרוואָס און ווערט אזוי פאַרשעמט.

טו.

א, זאָג פאַרוואָס, זאָג"... דער צוריקגעקומענער אהיים, גיט אומעטיק און שטום

א שמייכל קוים, וואָס ווערט פאַרגליווערט אויפן פּנים אים ווי אין א ליים —

ער שווייגט א ווײלע נאָך, באַלד קוקט ער אום זיך, קוקט אין א שרעק א גרויסע זיך ארום:

איך קום דאָך פון דער היים... אָך אומעטום — איין חורבה, איין אומגעבראַכטע היים!

16-17-18.11.1943

ט. צו די הימלען

Echoes the opening line of Bialik's "Upon the Slaughter" (46).

אזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן, באַלד אין אָנהייב... הימלען, זאָגט פאַרוואָס? א, זאָגט פאַרוואָס?

פאַרוואָס א, קומט עס אונדז אַזוי פאַרשעמט צו ווערן אויף דער גרויסער ערד?

די ערד טויב־שטום, האָט ווי פאַרמאַכט די אויגן... איר הימלען אָבער, איר האָט דאָך געזען,

איר האָט זיך צוגעקוקט פון אין דער הויך, פון אויבן, און ניט איבער זיך געקערט!

ב.

ניט פאַרוואָלקנט האָט זיך אייער ביליקע די בלוי און האָט ווי שטענדיק פאַלש געשעמערירט,

די זון אין רויטן ווי א תלין גרויזאַם האָט אין שטענדיקן געקוילערט זיך אין קרייז,

די לבנה, ווי אַן אַלטע הור, א זינדיקע, איז אין די נעכט ארויס אויף איר שפּאַציר,

און שטערן האָבן צוגעוואונקן שמוציק, געפינקלט מיט די אויגעלעך ווי מייז.

ג.

אוועק! איך וויל אויף אייך ניט קוקן, איך וויל ניט זען אייך, ניט וויסן פון אייך מער!

א, הימלען פאַלשע, א, גענאַרערישע, נידעריקע הימלען אין דער הויך, אָך, ווי מיר פאַרדריסט —

איך האָב אַמאָל געגלויבט אייך, פאַרטרויט מיין פרייד, מיין אומעט אייך, מיין שמייכל און מיין טרער,

איר זענט ניט בעסער פון דער מיאוסער דער ערד, דער גרויסער הויפן מיסט!

12

"Now, get out!" Limping, the sexton — a bullet in his leg — leads the rabbi out.
The rabbi, who ran around the *Bimah* in God's house, can hardly walk.
The sexton leads the rabbi under the fiery lashes of the whip . . .
Beat! The measure is not full yet.

13

It was not full yet, but before the rabbi and the sexton reached home,
Smoke billowed skyward, flames burst from the smoke. Where is the fire?
The synagogue, the ark, the scrolls, the seats — all ablaze.
The rabbi, held by the sexton, turned around . . . The measure is full . . .

14

"O say, you who fled in panic, why have you come back?
You were gone; at such a time you should have stayed away.
You would have been spared to see your home afflicted,
Bleeding, tormented, humiliated without reason.

15

O tell me why?" On the returnee's face
A faint, mute smile hardens like clay.
He breaks his silence, looks around in panic:
"I've come back from home — o, everywhere is one ruined, desolate home!"

16-17-18.11.1943

## IX To the Heavens

1

And thus it came to pass, and this was the beginning . . . Heavens tell me, why?°
Tell me, why this, O why? What have we done to merit such disgrace?
The earth is dumb and deaf, she closed her eyes. But you, heavens on high,
You saw it happen and looked on, from high, and did not turn your face.

2

You did not cloud your cheap-blue colors, glittering in their false light.
The sun, a brutal, red-faced hangman, rolled across the skies;
The moon, the old and sinful harlot, walked along her beat at night;
And stars sent down their dirty twinkle, with the eyes of mice.

3

Away! I do not want to look at you, to see you any more.
False and cheating heavens, low heavens up on high, O how you hurt!
Once I believed in you, sharing my joy with you, my smile, my tear—
Who are not different from the ugly earth, that heap of dirt!

ד.

איך האָב געגלויבט אייך, הימלען, באַזונגען אייך אין מיינע לידער אַלע, אין יעדן מיין געזאַנג —
איך האָב געהאַט אייך ליב, ווי ליב מען האָט א פרוי, ני איז אַוועק, צערונען ווי א שוים,
איך האָב די זון אין אייך נאָך אין מיין פריסטער יוגנט, די זון אין פלאַמען פון איר אונטערגאַנג,
פאַרגליכן מיט מיין האָפנונג: „אַזוי פאַרגייט מיין האָפנונג, אַזוי פאַרלעשט מיין טרוים!"

ה.

אַוועקט! אַוועקט! איר האָט אונדז אָפּגענאַרט, גענאַרט מיין פאָלק, גענאַרט מיין אַלטן שטאַם!
פון אייביק אָן — איר נאַרט אונדז, איר האָט די אָבות מיינע, די נביאים מיינע נאָך גענאַרט!
צו אייך, צו אייך — האָבן זיי די אויגן זייערע געהויבן, אַנגעצונדן זיך אין אייער פלאַם,
די טרייסטע אייערע אויף דר'ערד האָבן זיי אויף דר'ערד דאָ, אין בענקשאַפט אייך געגאַרט.

ו.

אייך געוואָלט... צו אייך די ערשטע אויסגערופן: האזינו! פריער איר — פאַרנעמט!
און שפּעטער ערשט די ערד. אַזוי מיין משה און אַזוי ישעיה, מיין ישעיה: שמעו — הערט!
און שומו! ירמיהו שרייט: שומו! ווער זשע אויב ניט איר? וואָס האָט איר פלוצלונג זיך אַזוי פאַרפרעמדט?
אַ הימלען אָפענע, אַ ליכטיגע איר הימלען, אַ הימלען־הויך, איר זענט דאָך ווי די ערד.

ז.

איר קענט ניט, איר דערקענט אונדז שוין ניט מער, פאַרוואָס? צי האָבן מיר זיך דען
אַזוי געביטן? אַזוי געענדערט זיך? מיר זענען דאָך די זעלביקע די ייִדן פון אַמאָל —
און בעסער נאָך אַ סך... ניט איך! ניט איך וויל צו מיינע נביאים זיך פאַרגלייכן, ניט איך קען,
נאָר די ייִדן אַלע, די צום טויט געפירטע, די מיליאָנען מיינע אויסגעהרג'עטע דאָ מיט אַמאָל —

ח.

זיי זענען בעסער נאָך, מער אויסגעליטן, אויסגעלייטערט מער אין גלות דאָ! אַ וואָס באַטייט
אַ ייִד אַ גרויסער, אַן אַמאָליקער, אַנטקעגן קליין אַ יעצטיקן, אַ פשוטן, אַ דורכשניטלעכן ייִד
אין פוילן, ליטע, אין וואָלין, אין יעדן גלות, — פון יעדן ייִדן קלאָגט און שרייט
אַ ירמיה אַרויס, אַן איוב אין יסורים גרויס, אַ מלך אַן אַנטוישטער מיט אַ קהלת־ליד.

ט.

איר קענט ניט, איר דערקענט אונדז שוין ניט מער, ניט קיינעם, ווי מיר וואָלטן זיך פאַרשטעלט,
מיר זענען דאָך די זעלביקע די ייִדן פון אַמאָל, מיר זינדיקן נאָך אַלץ צו זיך אַליין,
מיר זאָגן אָפּ זיך אַלץ נאָך פרעמדן אייגענעם פון גליק און ווילן אַלץ נאָך ראַטעווען די וועלט, —
וואָס זענט איר בלוי אַזוי, איר הימלען בלוי, ביי אונדזער אויסגעהרג'עט ווערן? וואָס זענט איר אַזוי שיין?

י.

איך וועל ווי שאול, ווי מיין קעניג, זיך אַוועקלאָזן אין מיינע פיינען צו דער בעלת־אוב,
איך וועל דעם וועג געפינען, דעם פאַרצווייפלטן, דעם וועג דעם חשכ'דיקן קיין עין־דור,
און כ'רוף פון דער ערד אַרויס אַלע מיינע נביאים און באַשווער זיי אַלע: קוקט, אַ קוקט אַרויף,
צו אייערע הימלען־העל און שפּייט אין פנים זיי: צו אַלדי שוואַרצע יאָר אייך! צו אַלדי שוואַרצע יאָר!

4

I did believe in you and sang your praises in each song of mine.
I loved you as one loves a woman, though she left and went.
The flaming sun at dusk, its glowing shine,
I likened to my hopes: "And thus my hope goes down, my dream is spent."°

*Allusion to his popular song Di zun fargeyt in flamen, "the Sun Sets in Flames."*

5

Away! Away! You have deceived us both, my people and my race.
You cheated us—eternally. My ancestors, my prophets, too, you have deceived.
To you, foremost, they lifted up their eyes, and you inspired their faith.
And full of faith they turned to you, when jubilant or grieved.

6

To you they first addressed themselves: *Hearken, O Heavens, you*—°
and only afterwards they called the earth, praising your name.
So Moses. So Isaiah°—mine, my own. *Hear, O hear*, cried Jeremiah, too.°°
O heavens open wide, O heavens full of light, you are as Earth, you are the same.

*Deut. 32:1, Ha'azinu hashamayim.*

*Isa. 1:2.*
*Jer. 2:12, Shomu shamayim.*

7

Have we so changed that you don't recognize us, as of old?
But why, we are the same—the same Jews that we were, not different.
Not I . . . Not I will to the prophets be compared, lo and behold!
But they, the millions of my murdered ones, those murdered out of hand—

8

It's they . . . They suffered more and greater pains, each one.
The little, simple, ordinary Jew from Poland of today—
Compared with him, what are the great men of a past bygone?
A wailing Jeremiah, Job afflicted, Kings despairing, all in one—it's they!

9

You do not recognize us any more as if we hid behind a mask?
But why, we are the same, the same Jews that we were, and to ourselves we're true.
We're still resigned to others' happiness. Saving the world we still see as our task.
O why are you so beautiful, you skies, while we are being murdered, why are you so blue?

10

Like Saul, my king° I will go to the goddess Or, bearing my pain.
In dark despair I'll find the way, the dark road to Ein Dor; I shall
From underground awaken all the prophets there—*Look ye again,*
*Look up to your bright heavens, spit at them and tell them: Go to Hell!*

*See 1 Sam. 28.*

יא.

איר האָט זיך, הימלען, צוגעקוקט פֿון אויבן, ווי מען האָט די קינדער פֿון מיין פֿאָלק געפֿירט
איבער וואַסערן, אויף באַנען און צופֿוס אין טאָג אין העלע און אין פֿינסטערע אין נעכט צום טויט,
מיליאָנען קינדער האָבן ביים דערהרג׳עט ווערן הענט צו אייך געהויבן — ס׳האָט אייך ניט גערירט,
מיליאָנען מאַמעס אײדעלע און טאַטעס — ניט פֿאַרציטערט האָט אויף אייך די בלאָהע הויט...

יב.

איר האָט געזען די יאָמעלעך, עלפֿיעריקע, אַליין די פֿרייד! א פֿרייד, אַ גוטסקייט בלויז,
און די בענציוןלעך, די יונגע גאונים, די ערנסטע, די זוכער... אַ, טרייסט פֿון אַלץ וואָס לעבט!
איר האָט געזען די חנה׳ס וואָס האָבן זיי געהאַט, וואָס האָבן זיי פֿאַר גאָט געהייליקט אין זיין הויז,
איר האָט זיך צוגעקוקט... איר האָט קיין גאָט אין זיך ניט, הימלען! הימלען גאַרנישט, הימלען אויסגעהעבט!

יג.

איר האָט קיין גאָט אין זיך ניט! עפֿנט אויף די טויערן, איר הימלען, עפֿנט אויף זיי ברייט,
און לאָזט די קינדער אַלע פֿון מיין אויסגעהרג׳עטן, פֿון פֿאַרפּייניקטן מיין פֿאָלק אַריין,
עפֿנט־אויף זיי צו דער גרויסער הימלפֿאַרט, גאַנץ אַ פֿאָלק געקרייציקט שווער אין לייד
דאַרף אין אייך אַריין... אַ, יעדער איינער פֿון די קינדער מיינע אומגעבראַכט, קען אַ גאָט זיי זיין!

יד.

אַ, הימלען אויסגעליידיקטע און וויסטע, הימלען ווי אַ מדבר ווייט און וויסט, איך האָב
מיין איינציקן מיין גאָט אין אייך פֿאַרלוירן, און זיי איז ווייניק האָבן אין אייך דריי —
דער יידישער דער גאָט, זיין גייסט און דער גליל־ייד פֿון זיי געהאַנגען איז זיי קנאַפּ,
זיי האָבן אַלע אונדז אין הימל אָפּגעשיקט, — אַ, עקלדיקע און געמיינע געטערדינערײ!

טו.

פֿרייט זיך, הימלען, פֿרייט זיך! — איר זענט געווען אָרים, יעצט זענט איר רייך,
אַ געבענטשטער אַזאַ שניט — גאַנץ, גאַנץ אַ פֿאָלק, אַזאַ א גליק איז, הימלען, אייך באַשערט!
פֿרייט זיך, הימלען אויבן, מיט די דייטשן, און די דייטשן אונטן זאָלן פֿרייען זיך מיט אייך,
און זאָל א פֿייער פֿון דער ערד אויף אייך אַרויסגיין און אַ פֿייער זאָל צעפֿלאַקערן פֿון אייך זיך אויף דער ערד.

23-24-25-26.11.1943

---

### י. אינם אנהייב פונם סוף

אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן, באַלד אין ערשטן טאָג, אויפֿמאָרגן ווידער! און דער נאָך
אויפֿסניי! אויפֿסניי! ס׳האָט יעדן אין דערפֿרי זיך אָנגעהויבן פֿון דאָס ניי —
נעכטן ערשט! אַ, ניט באַוויזן האָט דאָס אומגליק ווערן אַלט, היינט באַגינען — האָרך: טרין ניי אַ בראָך!
ניי א פּחד און א טויטשרעק ניי! דער טויט באַגלייט, גייט נאָך אונדז ווי א שאָטן טריי...

ב.

יעדן טאָג האָט פֿאַר די אויגן פֿון א יעדן ייד מיט אַ ייד א צווייטן עפּעס־וואָס פּאַסירט,
עפּעס־וואָס... געטראָפֿן ווערן פֿון א קויל און פֿאַלן איז ניט מער פֿון יעדן „עפּעס־וואָס״;
אַן אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט, א טירל האָט אַן עפֿן זיך געטאָן, אַריינגעכאַפּט אַ ייד און אים אוועקגעפֿירט –
בעסער דעם געהרג׳עטן אין גאַס שוין, בעסער דעם געפּאַלענעם שוין פֿון א שאָס.

11

You heavens, high above, looked on when, day and night,
My people's little children were sent off to death, on foot, by train.
Millions of them raised high their hands to you before they died.
Their noble mothers could not shake your blue-skinned crust—they cried in vain.

12

You saw the little Yomas, the eleven-year-olds, joyous, pure and good;
The little Bennys, young inquiring minds, life's remedy and prize.
You saw the Hannas who had born them and had taught them to serve God.
And you looked on . . . You have no God above you. Nought and void—you skies!

13

You have no God in you! Open the doors, you heavens, fling them open wide,
And let the children of my murdered people enter in a stream.
Open the doors up for the great procession of the crucified,
The children of my people, all of them, each one a God—make room!

14

O heavens, empty and deserted, vast and empty desert, you—
My only God I lost in you, and they have not enough with three:
The Jewish God, the holy ghost, the Jew from Galilee—they killed him, too.
And then, not satisfied, sent all of us to heaven, these worshippers of cruelty.

15

Rejoice, you heavens, at your riches, at your fortune great!
Such blessed harvest at one stroke—a people gathered in entire.
Rejoice on high, as here below the Germans do, rejoice and jubilate!
And may a fire rise up to you from earth, and from you strike, earthwards, devouring fire!

November 23–26, 1943

## X
## IN THE BEGINNING OF THE END

*1*

Thus it began, promptly on the first day, followed on the next,
And again and again! Each morning it started anew —
Only yesterday! The grief is still fresh. Today at dawn — listen: A new disaster,
A new fright, a new horror, death stalks, follows us like a shadow.

*2*

Each day a Jew saw "something" befall another Jew.
"Something" . . . To be hit by a bullet or to die is a mere "something".
A car stopped, a door opened, a Jew grabbed and abducted.
The one killed in the street is better off, the one shot is luckier.

ג.

כ'האָב אין די ערשטע טעג פון זייער זיך אריינרייסן אין שטאָט שוין נישט גענעכטיקט אין מיין הויז,
איך בין אוועק פאַרנאַכט צו אונדזערן אַ נאָענטן, מיין פרוי האָט מיך דאָס מאָל באַגלייט,
אַן אָפיצער האָט אין דער טונקל אָפּגעשטעלט זיך, אָנגעקוקט מיך... יאָ, אַ ווײַלע בלויז,
און איז אַוועק. צען טריט נאָך אונדז דערהערן מיר אַ שאָס, ער האָט אַן אַנדערן געטייט.

ד.

אונדז! אונדז! דאָס האָט ער אונדז געהרג'עט, חנה'לע, אי מיך, אי דיך, ער האָט געזוכט אַ ייד,
ער איז מיט אונדז געווען ניט זיכער... דו האָסט געזען ווי דער אויסוואָרף האָט געקוקט?
מיר האָבן ניט פאַרשנעלערט, ניט פאַרלאַנגזאַמערט, אַ האָר ניט אונדזערע, די זיכערע, די טריט
פון לעבן צו דעם טויט... אַ ייד אַקעגנטיקערער, אַ בעסערער האָט צו דער חיה אונטער זיך געררוקט.

ה.

חנה, ער האָט דאָך אונדז, אונדז אַלעמען דערהרג'עט דאָך אין יענעם גרויליקן מאָמענט
אי מיך, אי דיך, די קינדער אונדזערע, דאָס גאַנצע פאָלק דאָס יידישע אין גוייִשן אין לאַנד —
ער האָט פאַרמאָסטן מיט אַ בליק אַ שטאָלענעם זיך און האָט אַדורכגעפירט און האָט פאַרלענדט!
פאַרמאָסטן אין אַ גאַס זייט, אין אַן אָפּגעלעגענער פאַרנאַכט... דו דריקסט מיר קאַלט די האַנט...

ו.

אי דיינע, חנה, און אי מיינע — קאַלט. ער האָט דאָך אונדז געהרג'עט, גיי אַהיים און זאָג די קינדער ניט
אַז אַ דייטש האָט אונדז געטראָפן, אָפּגעשטעלט זיך בלאָנד און אָנגעקוקט אונדז לאַנג —
און אונדז געהרג'עט, אי אונדז, אי זיי און גאַנץ מיין פאָלק... אָ, ניט דערציילן זיי. גאָט באַהיט,
גיי אַהיים און גלייך דו ווייסט פון גאָרניט... חנה, חנה'לה, וואָס קוקסטו אַזוי באַנג?

ז.

גיי אַהיים, און מאָרגן פרי, גאַנץ פרי, עס וועט נאָר ווערן טאָג און איך בין דאָ ביי אייך,
איך וואַרט אַ ווייל און קלינג לייכט אָן, דו וועסט דערהערן אים, דערקענען אים, דעם קלונג —
גיי שטיל אַראָפּ פון בעט, וואַרף עפּעס וואָס אויף זיך אַרויף און עפן אויף מיר גלייך,
פיר צו די קינדער צו מיר... אָ, קינדער מיינע קליין, אַזוי ווי לעבעדיק, און שיין אַזוי און יונג!

ח.

זע, זע, מיין יאָמעקל האָט אויפגעכאַפּט זיך מיט אַ שמייכל... יאָם, מיין טייערער, מיין קינד!
און ס'האָט בענציאָנקע די האַנט אַריינגערוקט צו קאָפּן אונטער קישן... ער געדענקט:
וואו ער האָט דאָס בוך האָרט פאַרן איינשלאָפן געלייגט, איין מיש — און ער געפינט
די זייט, די שורה ווייטער... פאַרוואָס, אָ, חנה'לע, אָ יינגעלעך, פאַרוואָס האָט מען אייך אומגעבראַכט?

ט.

חנה'לע, איך בלייב די נאַכט מיט אייך, איך וועל ניט מער אַוועקגיין פון דער היים ביינאַכט,
וואָס דאַרפן היטן זיך אַזוי שוין טויטע? פאַרמשפּט'ע שוין? שוין געצייכנטע צום טויט?
מיר האָבן דאָך דאָס ערגסטע דורכגעמאַכט שוין, מען האָט דאָך אונדז שוין אומגעבראַכט.
דו האָסט געזען דעם דייטש? זיין קוקן? ניט פאַרציטערן אַזוי וועט מער אויף אונדז די הויט...

3

From the first days after they came I didn't sleep at home.
Toward evening, accompanied by my wife, I went to a friend.
In the dark, an officer stopped and stared at me... Just for a moment,
And left. Ten paces away we heard a shot. He killed some other one.

4

Us! Us! Hannahle. He killed us, you and me. He looked for a Jew.
He was not sure about us... Did you see how that villain stared?
We neither quickened nor slowed our steady pace,
A pace between life and death... The beast found a better, and more distinct Jew.

5

Hannah, he killed us all in that gruesome moment,
You and me, our children, the whole Jewish people in the gentile land.
He followed with a steely glance, aimed and fired,
In a remote street, evening-time... Your icy hand grips mine...

6

Hannah, our hands are cold. He killed us. Go home and don't tell the children
That a blond German met us, stopped, stared at us for a while —
And killed us, them, and all my people... For God's sake, don't tell them.
Go home as if nothing happened... Hannah, Hannahle, why do you look so sad?

7

Go home and early tomorrow, at the crack of dawn, I'll be with you.
I'll wait a moment, ring gently. You'll hear and recognize the ring —
Get off the bed quietly, wrap yourself in something and open at once.
Bring me the children... O my little ones, as if alive, so beautiful and young!

8

Look, look, my Yomekel got up smiling... Yom darling, my child!
Benzionke put his hand under the pillow... He remembers
Where he put his book before falling asleep — one glance and he'll find
The page, the line... O Hannahle, O children, why did they kill you?

9

Hannahle, I'll stay over with you tonight. I'll never leave home at night.
Why should the damned, the doomed, the dead, be careful?
We have already suffered the worst, we have already been slain.
Did you see the German? His look? Our skin will no longer tremble...

י.

דאָס איז געווען די סִטְרָא־אַחֲרָא, דער שר פון אונטערוועלט. אליין די ברוד, אליין דער שמוץ!
אליין דער בלוטדורשט, די פאַרקערפּערונג פון שלעכטס און פון אומזיסטן האַס —
צום אומבאַהאָלפענעם און זיין געריכט זיין, צו אלץ וואָס גוט איז אויף דער ערד און אָן א שוטץ.
א דייטש! דער דייטש וואָס איז געבליבן שטיין און האָט קאַלט אָנגעקוקט אונדז אויף די גדאַנסקע גאַס!

יא.

דאָס איז געווען היטלער, הימלער, אַלפרעד ראָזענבערג, ניין! אַלע דייטשן מיטאַנאַנד,
דאָס גאַנצע פֿאָלק, דאָס שלעכטסטע, דאָס געוויסנלאָזסטע איז פאַר די אויגן אונדז געשטאַן.
ווען איך שיס אים, חַנה, ווען איך הרג׳ע אים אין דער מינוט, ווען איך האָב וואָס דעמאָלט אין מיין האַנט —
איך וואָלט געראַטעוועט מיין פאָלק, אי דיך, אי זיך, אי אונדזערע די קינדער דאַן —

יב.

זיי האָבן אויפגעכאַפּט זיך... זאָג זיי גאָרניט! וואָס? וואָס טוסטו? יאָ, דו רייסט ·זיי יעצט אַרויס
די גלאַנציקע די קנעפּ און די בלויע שנירלעך פון דריי שילער מאַנטעלעך יעצט אָפּ!
נייסט די שאַנדבענדער פאַרביידן אונדז און דעם עלטסטן אונדזערן... יאָ, ר׳איז שוין גרויס!
ר׳וואַרפט זיך, ווילט׳ס ניט אָנטאָן... דו יאָמעקל, מיין קלייניניקער, וואָס לאָזטו, דו, אַראָפּ דעם קאָפּ?

יג.

מיין יאָמעק ווייסט ניט אַז מען האָט געהרג׳עט אונדז, אַז מען וועט אונדז הרג׳ענען. אָ וועלט!
דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק איז דאָך ניט ווערט א טרער פון א פאַרצווייפלט יידיש קינד.
אָך, ווען ער ווייסט׳ס, מיין פרייליכסטער! די פרייליכקייט!... א קעלט... מיך נעמט אַדורך א קעלט.
ווי מיר, זעעוודיקן, ווי... און וואויל, יאָ וואויל אייך קינדער יידישע, וואָס איר זענט בלינד...

יד.

חַנה׳לע, דו ביסט א שטאַרקע, חנה, איך האָב עס אויף אַזוי פיל ניט געוואוסט,
ווילסט זיין אַליין דאָ? מיט די קינדער דאָ? און מיר, מיר זאָגסטו: פאָר! פאָר שנעל!
קיין וואַרשאַ פאָר! כ׳האָב ניט געוואָלט און בין אַוועק קיין וואַרשאַ, כ׳האָב געמוזט.
די אויגן זענען מיר געווען ביים אוועקפאָר טרוקן... די טרער איז מיר געשטאַנען אין מיין קעל.

טו.

מיט קנאַפּע צוויי חדשים שפּעטער האָט מען אַרויסגעשיקט אייך פון דער היים, דיך מיט די זין ·
איר האָט געראַטעוועט דערנאָך צו מיר זיך אין דער וואַרשאַ. דו האָסט געזען מיט מיר צוזאַם
דעם אָנהייב פונם סוף... ביים סאַמען סוף ביסטו און בנציקל און יאָמעק ניט געווען שוין... כ׳בין
אַליין געבליבן, מיט מיין עלטסטן, צוגעקוקט צום סוף זיך פון אונדז אַלעמען אין פייער און אין פלאַם.

10

It was the evil spirit, the lord of the netherworld, filth, and squalor,
A vampire, the incarnation of evil and hatred
For all the just and helpless, for all the good and defenseless on earth,
A German! The German who stopped and stared at us coldly on Gdanska Street!

11

He was Hitler, Himmler, Alfred Rosenberg. No! All Germans,
The whole ruthless, evil nation stood before us.
Hannah, if I had shot him, killed him then, had I something in my hand —
I might have saved my people, you, me and our children.

12

They awoke... Don't tell them! What are you doing? Yes, you're tearing off
The shiny buttons and blue bands from three student uniforms!
You're sewing badges of shame for us and our oldest son... He's big already!
He struggles, refuses to wear it... Yomele, my little one, why do you lower your head?

13

O world! My Yomek doesn't know that they killed us, that they'll kill us.
All the Germans are not worth one tear of a helpless Jewish child.
O I shudder! If he, my joy, my delight, were to know!
Woe unto me, the seeing... Be happy, Jewish children because you do not see.

14

Hannahle, you're strong, Hannah, I didn't know how strong.
Do you want to stay here alone? Here, with the children? You tell me: "Go! Hurry!
Go to Warsaw." I didn't want to, yet I left for Warsaw, I had to.
My eyes were dry... my throat was choked by tears at the leaving.

15

In less than two months you and the children were driven from home.
You found refuge with me in Warsaw. Together we saw
The beginning of the end... At the very end you, Benzikl and Yomek were gone...
I remained alone with my oldest, watching the end of us all in fire and flames...

4-5-6.12.1943

## יא. געדענקסט?

כ'האָב ליב דיך רופן ביי דיין נאָמען, כ'האָב ליב ארויסזאָגן אים: חנה'לע! כ'האָב ליב
צו דיר זיך ווענדן נאָך דיין אוועקגענומען ווערן מיט מיין פאָלק, דו ענטפערסט מיר, דו שענקסט
דיין בליק פון דיינע אויגן מיר די ליכטיקע, דיין אומעטיקן גוטן שמייכל אויף דיין ליפּ.
כ'האָב ליב דיך רופן אין מיין איינזאַם זיין, אין עלנט מיינעם פרעגן דיך: געדענקסט?

ב.

געדענקסט? כ'האָב ליב דיך פרעגן צי געדענקסטו? חנה'לע, אָ קום, קום נענטער צו מיר צו,
לייג אויפן אַקסל מיר דיין הערליכן דיין קאָפּ און דיינע האָר די שוואַרצע מיטן ווייסן שרונט —
נעם אין אָרעמס מיך, באַלעב מיך, שטאַרק מיך... כ'האָב דיך ארויסגערופן פון דיין רו,
רו ניט, חנה'לה, אָ ניט פאַרהיילט זאָל ווערן אין פאַרגעסנהייט די אייביקע די וואונד.

ג.

זעץ מיט מיר אוועק זיך, איך האָב דאָך ליב אַזוי דיך... און מיין ליבע געוואַלדיק, הער מיך וואָס איך זאָג,
דו הערסט! דו הערסט! באַגליקסט אין גרויסן אומגליק מיך, מיין חנה'לע, מיין פרוי!
אין גרויסן ווי אין אונדזערן, אין אויפהערן, באַפרוכט איך דיך פאַר אַלע וועלטן — טראָג
די פרוכט פון אָנקלאָג ווי מיינע זין אין דיר, טראָג, פאַרטראָג אין אַלע וועלטן זינדיק, רוי און גרוי!...

ד.

געדענקסט דאָס גרויזאַמסטע, דאָס שוידערליכסטע, דאָס אומבאַהמנוה'דיקע אויף דער וועלט?
געדענקסט? איך ווייס אַז דו געדענקסט, דו האָסט אין אַלע אייביקייטן מיטגענומען עס —
דו און מיינע זין, איר וועט געדענקען אייביק אים, דעם מאָרד פון אייער פאָלק און וועגן דעם פאַרגעלט,
איך אויך! איך וויל'ס אויך און האָב אַלץ מורא — ס'זאָל די שעה ניט זיין — און איך פאַרגעס...

ה.

איך האָב שטענדיק זיך אויף דיר פאַרלאָזן, מער ווי אויף זיך אַליין, ווי כ'וואָלט
געוועזן דיין מעדיום, ווי כ'וואָלט פולבראַכט דיין הימליכן באַפעל, געטאָן וואָס דו פאַרלאַנגסט —
האָסט חובות שווער אויף מיר ארויפגעלייגט, כ'האָב אַלע זיי מיט ציטער און מיט פרייד באַצאָלט:
כ'האָב ליב געהאַט מיין פאָלק, געווען מיט אים אין גלות, געזונגען אים אין האָפענונג און אין אַנגסט.

ו.

געדענקסט דאָס הויז אויף טוואַרדע, דאָס הויז אין קליינעם געסל, דאָס יתומים־הויז?
די פופציק יינגעלעך? געזונט אַ שטאָם! איך האָב פאַר זיי געשריבן אַ טעאַטער־שפּיל,
געדענקסט די קינדער אין „מיך ציט אין גאַס!"? זיי זענען שפּילנדיק געוואַקסן, אויסגעוואַקסן גרויס,
מיט זיי מיין ווערק... זיי האָבן מער ווי איך דאָרט האַרץ אריינגעלייגט און מער געפיל...

ז.

געדענקסט דעם טאָג: מען האָט אונדז אָנגעזאָגט: זיי אויך! מען האָט אוועקגעפירט אויך זיי,
צוזאַמען מיט דאָמבראָווסקין און זיין פרוי — זייערע צוויי לערער טרייע — מיינע פריינט.
כ'בין אוועק באַלד צו דער בריק אויף כלאָדנאַ, איך האָב דיר ניט געזאָגט וואוהין איך גיי...
אין קליינעם געסל זענען הינט ארומגעלאָפן נאָך און קעץ, די זון האָט נאָך געשיינט.

# XI Remember

1

I like to call your name, to call it aloud: *Hannale!*
They carried you off together with my people. How I would like to turn
To you and to imagine that you answer me with your shining eyes and the soft sad smile of your lips.
In my loneliness and misery I would like to ask you: Do you remember?

2

I ask you: Do you remember? O come, Hannale, come nearer to me
And rest your beautiful head with its black hair and white parting,
On my shoulder! Take me into your arms, revive me, give me strength . . .
Did I disturb your eternal rest? Hannale, I don't want you to rest.
Our wounds can never be healed, and never should they be forgotten.

3

Do sit beside me, I love you . . . Listen, my love, what I have to say.
Do you hear me? In my misfortune you are my good fortune, my Hannale, my wife!
In this great woe of ours, *in our un-being.* I embrace you for all the world to see.
Bear the fruit of my accusing, bear it as you bore my sons,
And carry it to all the corners of this dark and sinning world!

4

It was the most cruel, the most horrifying thing, do you remember?
I know you do. You took it with you into eternity.
You and my sons, you will forever remember the murder of your people.
I, too! Yet I sometimes fear that hour may never come!—I might forget.

5

I always put my trust in you, more than in myself. All you asked me
I fulfilled as if commanded by a secret order.
I did my duties, heavy though they were, with trembling joy.
I loved my people, shared its exile, sang of its hopes and fears.

6

Remember the house on Twarda Street, the home of orphans?°
The fifty children there, each healthy as a tree? I wrote a play for them.
Remember how they played *The Street*° and how each one grew with his role,
And with them grew my work. They put more heart to it than even I.

*The orphanage on Twarda 7 was run by David Dombowski.*

*A three-act play in Yiddish written in 1941 and subsequently lost.*

7

Remember the day they told us: the children, they were taken, too, *they, too!*
Together with Dombrowski and his wife, their teachers, my dearest friends?
I hurried off, towards the bridge.° I did not tell you then where I was going.
I rushed to the house. The sun was shining. What I saw were dogs and cats.

ח.

יידן האָב איך אין דעם קליינעם געטאָ ניט געטראָפן שוין, וואו ניט וואו האָב איך געזען
א שאָטן שלייכן מיט א זאַק גרדיס אויפן רוקן, אדאנק דעם זאַק האָב איך זיך אנגעשטויסן אַז עס איז אַ ייד.
ער איז געגאַנגען שנעל, דער זאַק האָט צוגעהאָלפן אים, אים צוגעשטופט: גיי! גיי!... עס איז געשען!
ניטאַ שוין, ניט די אייזנגאַס, ניט גזשיבאָוו, ניט קראָכמאַלנע, ניט וואַליצאָוו און ניט די טוואַרדאַ. אויס! שוין אויס יאַריד!

ט.

איך בין אריין פון טשעפּלאַ אויף דער טוואַרדאַ, פאַרנומען לינקס זיך — טוואַרדאַ זיבן, כ׳פלי, אַ פייל
פון בויגן, אין דעם טויער און אויף די טרעפּ, טוז אויפן צווייטן שטאָק — אַן אָפענע די טיר!
איך בין געשטאַנען און געוואָלט, געוואָלט, געוואָלט און ניט געקאָנט אריין א היפשע ווייל,
ביז בעקאָנט די שוועל אריבערטרעטן, כ׳בין געשטאַנען פאַר אַן אָפענע טיר און ניט געגעבן זיך קיין ריר.

י.

איך האָב דערהערט: מען גייט... אין טויער? אויף די טרעפּ? א גנב מיאוס? צי מיאוסערא סך א דייטש? און כ׳בין
אריין אין קאָרידאָר אין לאַנגן, די טירן אַלע אין אים אָפן, אויפגעעפנט, רעכטס און לינקס, און ס׳שיט
די זון פון ערגעץ־וואו, פאַרשיט דעם קאָרידאָר מיט גאַנצע גאַרבן שטראַלן אָן חשבון און אָן זין,
זי בלענדט די אויגן מיר, פאַרבלענדט מיר, אַ פאַרבלענדעניש... אַ, מיין צעטומלעניש אויף איר און מיין געמיט!

יא.

די מאַנטעלעך — זיי האָבן אין דער לענג פון קאָרידאָר אַ שיין געטאָן! כ׳האָב עטליכע דערקענט
און אָנגערירט זיי: אַבאַ׳לע! ער האָט געשפּילט דעם האַנדלאַרזש וואָס קומט אין גרויסן הויף,
ער האָט געהויבן הויך דעם קאָפּ, די אויגן הויך צו אַלע פענסטער, געפּאַכעט מיט די הענט:
„אין זאַק אין מיינעם, יידן! די לאַטעס און די שמאַטעס און וואָס צעריסן איז און ברודיק איז — איך קויף!"

יב.

דאָס פּאַלטאַ׳לע איז אַהר׳עקס, ער האָט געשפּילט די הויפּטראָל: דעם ייִנגל וועלכן ס׳ציט אין גאַס,
„מיך ציט אין גאַס!" און נאַרט דעם לערער אָפּ: איך מוז אהיים! ער נאַרט, נאַרט אָפּ דעם לערער פון געזאַנג:
„די מאַמע איז מיר קראַנק!" און רעדט א חבר צו: „קום, זינג אין הויפן, איך — איך קלאַפּ אין טאַץ" —
פון ערשטן הויף אנטלויפט ער צריק אין קלאַס און ווערט אין קלאַס געוואויר: די מאַמע איז אים טאַקע קראַנק!

יג.

און דאָס! דאָס נייע מאַנטעלע איז פּנחס׳לס, הערשעלעס, דעם דיכטערס זון, א טייער קינד!
הערשעלע איז אויסגעגאַנגען פאַראַיאָרן נאָך פון הונגער, און זיין יתום׳ל, זיין זון
ער האָט געשפּילט דעם הונגעריקן ייִנגל וואָס כאַפּט געשיקט פון קויש א זעמעלע געשווינד
ער עסט׳ס מיט בלוט וואָס רינט פון אים, רעדט מיט א טרערעלע אין קעל און ווייסט לגמרי ניטש דערפון...

*The "Little" and the "Big" ghettos were connected by a wooden bridge.*

*The "Little Ghetto" was liquidated in August 1942.*

8

No Jews, no more Jews in that part!° I only saw a solitary shadow
Carrying a sack and crawling along the wall; it must have been a Jew.
The burden on his back made him go fast: Go! Go! It's true, it happened.
The streets are empty! No more Jews! The fair is over. It is the end.

9

From Ciepla Street I turned left to Twarda Number Seven. I ran
Towards the house, and up the stairs, to reach the second floor.
I found an open door and stopped and could not move.
I stood there long and stared into an open door and could not move.

10

Then steps: they come . . . Through the front door? Up the stairs?
A burglar? Or much worse, a German?
I fled into the corridor where left and right the doors were open.
From somewhere the sun threw down whole sheaves of shining rays in blinding
wild confusion.

11

The children's overcoats on pegs along the wall! A few I recognized
And touched them with my hands: This one was Abale's
The one who played the peddler in my play. O, how he raised his head
And waved his hands: "All rags into my bags! Jews, everything I buy."

12

And this belonged to Ahrke who played the leading role, the boy who cheats
the teacher.
"My mother's ill," he tells him and runs off to sing in courtyards
Begging for a coin. When he returns to class,
He's told that his mother really fell ill.

13

And this! This new coat is Pinkhesl's, the poet Hershele's beloved son,
Who died of hunger. The little orphan played the hungry boy
Who cleverly steals a bread roll from the basket. And while he eats it,
The blood runs down his cheek. He speaks through tears and does not even
know...

יד.

איך גיי אריין אין זאַל און לויף אין שרעק ארויס, איך רייס אין עסצימער אריין זיך און פון דאָרט
רייס איך צו דודן, דאָמבראָווסקי'ן, זיך אריין, צו זייער לערער... ניטאָ אים אויך! ניט אים, ניט איר!
זיי אויך... ביידע זיי ווי קאָרטשאַק און ווילטשינסקאַ זענען מיטגעגאַנגען מיט די יתומים'לעך אין יענעם אָרט
וואו ס'וואָלטן עלטערן זיי ניט באַגלייט... אויף דער ערד איז אויסגעשאָטן הויך א באַרג פּאַפּיר —

טו.

איך האָב געזוכט אין שטויס פּאַפּירן אין צעוואָרפענעם... אָ וואַרפט אין פייער אַלע מיינע ווערק
און ראַטעוועט איין יתומ'ל פון אָט די פופציק יינגעלעך, די טייערע, מיר אָפּ —
חנה'לע, געדענקסט, אַנשטאָט א יתומ'ל, א יידיש קינד, האָב איך אַהיימגעבראַכט פון טוואַרדאַ גאַס אַ צוועריג —
„מיך ציט אין גאַס!" איין העפט פון העפטן דריי, דעם מיטלסטן, א צווערג אָן פיס און אָן אַ קאָפּ.

14-15-16.12.1943

## יב. די מילא־גאַס

ס'איז דאָ א גאַס אין וואַרשע, דאָס איז די מילאַ־גאַס, אָ, רייסט ארויס די הערצער זיך פון ברוסט
און לייגט אַנשטאָט די הערצער שטיינער דאָרט אריין, אָ, רייסט ארויס פון קאָפּ די אויגן נאַס
און לייגט ארויף אויף זיי שאַרבנס, ווי איר וואָלט עס ניט געזען און ניט דערפון געוואוסט.
פאַרשטאָפּט די אויערן און הערט ניט — טויב! איך גיי דערציילן פון דער מילאַ־גאַס.

ב.

ס'איז דאָ א גאַס אין וואַרשע — די מילאַ־גאַס... ווער וויינט? און שטיל אזוי? ניט איך, איך וויין ניט, ניין!
די מילאַ־גאַס שטייגט איבער אַלע טרערן, ס'וויינט קיין ייד ניט. גוים ווען זיי וואָלטן עס געזען
זיי וואָלטן דעמאָלט אויסגעבראָכן אין א מוראדיקן אַלע, אין א ביטערן געוויין.
א גוי איז אָבער אין דעם טאָג פון מילאַ־גאַס, אין טאָג אין יענעם, אין דעם געטאָ ניט געווען.

ג.

יידן נאָר און דייטשן... יידן! יידן! יידן! אזוי א סך, און מערער נאָך — מען האָט
דריי הונדערט פופציק טויזנט יידן פון איין וואַרשע, וואַרשאווער דערהרג'עט שוין —
די אַלטע אויסגעשאָסן אויפן בית־החיים. די איבעריקע אַלע אוועקגעפירט פון שטאָט
אין די טרעבלינקעס — און די מילאַ־גאַס איז פול, איז איבערפול ווי די וואַגאָנעס, קוק און שטוין!

ד.

פון וואַנען? מען האָט דאָך אַלע אויסגעהרג'עט שוין! מען האָט דאָך אַלע אויסגעשאָסן און דערשטיקט!
דאָס זענען יידן פון די שאָפּן אויף דעם שטיקל נאַוואָליפּיע און אויף דעם שטיקל לעש —
די יידן מיט די נומערלעך, א יידן גליקליכע! יידן וועלכע עס האָט אָפּגעגליקט
און האָבן זיך אריינגעקראָגן אין א שאָפּ. ס'לעצטע ביסל יידן, יאָ, די רעשט! די רעשט...

ה.

יידן פון די דאָזיקע די שאָפּן און יידן אויך פון גענשאַ, פון העט־העט. קהלה־יידן, די
מיט די בלעכן אויף דער ברוסט און בעזימער אין האַנט וואָס קערן אויס די גאַסן פוסט.
די פּלאַצוווקע־יידן וואָס גייען מיט געזאַנג ארויס פון געטאָ יעדן אין דער פרי,
און יידן פון באַהעלטעניש... עס זענען יידן נאָך אין וואַרשע דאָ! איך האָב עס ניט געוואוסט...

*Stefa Wilczynska (1886–1942), Korczak's assistant.*

14

I walked into the hall and ran away in horror; from there on to David's room,
Dombrowski's, their teacher . . . Empty! Gone! He and his wife, both went,
As Korczak and Wilczynska° did, together with their orphan wards,
To be with them in their hour. Piles of papers on the floor—

15

And in the piles of paper I looked for . . . Oh, throw all my works into a fire,
If this could save one little orphan, if only one, among the fifty dear ones—
My Hannale remember, instead of one of them I brought a crippled paper home,
The middle part, one of three copy-books, *The Street*,—a cripple without head and feet.

December 14–16, 1943

## XII
## MILA STREET

*1*

There is a street in Warsaw, Mila Street. O tear out your hearts,
Replace them with stones, and gouge your weeping eyes from your head,
Cover them with potsherds, as if you hadn't seen or known it.
Plug your ears. Don't listen — be deaf! I'm going to tell about Mila Street.

*2*

There is a street in Warsaw — Mila Street... Who cries so silently? Not I, I don't cry. No!
Mila Street is beyond tears. A Jew doesn't cry. Had gentiles seen it
They might have burst out crying, wailing bitterly.
But no gentile was in the ghetto on Mila Street that day.

*3*

Only Jews and Germans... Jews! Jews! Jews! So many, it's incredible —
Three hundred and fifty thousand from Warsaw alone had been killed —
The aged shot in the cemetery, the rest deported to the Treblinkas —
Yet Mila Street is crowded like the over-crowded wagons.

*4*

How? Hadn't they all already been killed? Hadn't they all been shot and strangled?
These were Jews from the shops of Nowolipie and Lesz,
The Jews with the numbers, fortunate Jews! Jews who luckily
Got into a shop. The last few Jews. Yes, the remnant! The remains!

*5*

Jews from these shops and Jews from Gensia, from far away, the *Kehillah* Jews.
Tin plates on their chests and brooms in their hands for sweeping empty streets.
Platzówka Jews who march every morning from the ghetto singing,
And Jews from hiding places... There are still Jews in Warsaw! I didn't know...

ו.

הלואי זיי וואָלטן ניט געווען! זיי וואָלטן ניט געבוירן ווערן אויף דער דאָזיקער דער ערד!
און אויב געבוירן שוין — הלואי וואָלט מען זיי פריער אַפּגעטאָן זיי זייער רעכט —
איידער איר דערלעבן, איר, די מילא־גאַס... א גאַס אזא אין וואַרשע, הערט אלע, הערט:
נאָך גוט וואָס ס'איז קיין גאָט ניטאָ... ס'איז טאַקי שלעכט אָן אים, אַ זייער שלעכט!

ז.

נאָר סאַמער וואָלט ער זיין וואָלט ערגער נאָך געווען! אי גאָט און אי די מילא־גאַס... אזא אַ פּאָר!
אַ, נעמט ארויס די קינדער אייערע באַהאַלטן אין וואַליזעס, שליידערט זיי, צעשמעטערט זיי אָן וואַנט!
צינדט פייערן גרויסע אָן און שפּרינגט אהין אריין מיט הענט פאַרבראָכן, רייסט זיך ביי די האָר:
ס'איז דאָ אַ גאָט! אומגערעכטיקייט אזא! אַ שפּאָט אזא! און גרויס אזא א שאַנד!

ח.

באַלד אין דער פרי, פאַרטאָג נאָך, איידער נאָך ס'איז בייז און אומגערעכט געוואָרן טאָג,
האָט מען געוואוסט אין קעלערן באַהאַלטן און אויף בוידעמער און אומעטום, און דאָ און דאָרט:
„אלע יידן מוזן ביז א זייגער צען, ניט שפּעטער ניט קיין האָר, זיך צושטעלן אויף מילא־גאַס. מען מאָג
מיטנעמען נאָר האַנט־געפּעק... און בלייבט ווער אין דער היים — ער וועט דערשאָסן ווערן אויפן אָרט“.

ט.

באַלד אין דער פרי האָט אָנגעהויבן זיך פון אלע זייטן גרויס און מעכטיק אַ געגיי,
די וועגן ערשט ארויסגעשטיגן פונעם קעלער, די אראָפּ פון בוידעם. מען דערקענט דאָך באַלד
וואו יעדער איינער איז געווען באַהאַלטן... קראַנקע פון די בעטן, זעט, עס טוט זיי שוין ניט וויי!
דו נאָר ניט העלף ביים גיין זיי, ניט האַלט זיי אונטער און הויב ניט איינעם אויף ווען איינער פאַלט —

י.

ער גייט אויף מילאַ. אלע מיר, מיר גייען אויף דער מילאַ, אין א שעה ארום און ס'וועט
קיין ייד קיין לעבעדיקער זיך ניט מער געפינען דאָ ווי אויף דער דזשעלנאַ, ווי אויף פּאַווע, ס'איז שוין ניין!
אין א שעה ארום וועט וואַרשאַ אויסזען שוין ווי אלע יידישע יעצט גרויסע שטעט
און שטעטעלעך אין פּוילן און אין ליטע און אומעטום וואו דייטשן רייסן זיך אריין.

יא.

און אין א שעה ארום — און אריינגעלאָזן האָט די זון זיך איבער וואַרשאַ און איז מיט אונדז אוועק
אויף מילאַ־גאַס, מיט איבער הונדערט טויזנט געבליבענע נאָך יידן אויף דער מילא־גאַס —
ניין, ניט די זון! א שרעק פון הימל האָט אַכזריות'דיק באַגלייט אונדז, גרויס א שרעק,
אויף יעדן פּנים פון די איבער הונדערט טויזנט יידן פאַלט איר אָפּשיין בלאַס...

יב.

אַ שרעק! ס'איז פול מיט איר די גאַס, די מילא־גאַס ווי מיט יידן פול, זי שוועבט אין לופט, —
מיר אויך! מיר אויך! מיר אלע דאָ געהערן שוין ניט צו דער ערד. זי רוקט אוועק זיך פון אונטער אונדז'רע פיס,
איך זע באַקאַנטע פריינט, און האָב פאַרגעסן זייערע נעמען, פאַרגעסן ווי אזוי מען רופט
זיי אלעמען, ווי טויטע... ווער איז דער? און דער דאָ? די פרוי דאָ מיטן קינד, און יענע דאָרט ווער איז?

יג.

איך האָב אריינגעכאַפּט זיך אין א שטוב און אָפּגעלעגן מיט מיין זון אויף דר'ערד א גאַנצן טאָג
און קנאַפּ א נאַכט. מיר האָבן זיך פאַרטאָג געפּעדערט, ארויסגעשטעלט זיך אין די רייען פון מיין שאַפּ —
צו פינף אין ריי, ארויס אויף דער סעלעקציע, זיך שטעלן אויף דער וואָגשאָל, אויף דער דייטשער וואָג
געטויט צו ווערן באַלד צי שפּעטער... איך בין פאַרבייגעגאַנגען זיי און אויפגעהויבן הויך מיין קאָפּ.

*6*

I wish there weren't any! That they were not born on this earth!
And if they were — I wish they had died before —
Before they reached Mila Street... A street in Warsaw. Listen:
All the better that there is no God... To be sure, it's bad without Him, very bad.

*7*

But if He existed it would be even worse! Both God and Mila Street... What a combination!
O take out your children hidden in bags. Fling them, dash them, against the wall!
Set huge fires. Wring your hands, tear your hair, and leap into the flames.
There is a God! Yet such injustice, such mockery and such terrible shame!

*8*

Early morning, before the day of evil and injustice dawned,
All those hiding in cellars, attics, all over, and other hideouts, knew:
"All Jews must appear by ten, not a moment later, on Mila Street.
Only hand luggage may be taken along... Whoever stays home — will be shot on the spot."

*9*

At once in the morning a mighty march began from all sides.
Some climbed out of cellars, others came down from attics. It's easy to tell
Where one was hiding... The sick from their beds. Look, they are no longer ailing!
Don't help them walk. Don't support them, Don't lift the fallen —

*10*

The march is heading for Mila. We all are heading for Mila. In an hour,
As on Dzielna, Pawia, no living Jew will be here. It's already nine.
In an hour Warsaw will look like all Jewish cities and towns today
In Poland, Lithuania and everywhere the Germans are.

*11*

In an hour — the sun set over Warsaw and went with us,
With over a hundred thousand remaining Jews — to Mila Street.
No! Not the sun! A heavenly spectre, an immense spectre, escorted us,
Its ghastly reflection on the face of each of the hundred thousand Jews.

*12*

Awe! It fills Mila Street, crowded with Jews. It hovers in the air.
We too! We too! We no longer belong to the earth. It disappears from under our feet.
I see acquaintances, friends and cannot recall their names, I forgot them.
Like the dead... Who is this? And this one? This woman with the child here and that one there?

*13*

I slipped into a house and lay there on the ground with my son all day
And almost all night. We got up at dawn, lined up in front of my shop —
Five in a row. To the selection. Got on the scale, the German scale,
To be killed at once or later... I passed them by and raised my head.

יד.

איך האָב געקוקט און האָב געזען: מען האָט א ייִד א זאַק אַראָפּגענומען פון זיין פּלייצע דאַר,
און דער זאַק האָט אָנגעהויבן וויינען... א קינד! א יידיש קינד! דער זשאַנדאַר ברענט:
ער זוכט דעם טאַטן... שרייט צום קינד: דערקען אים! דאָס יינגעלע קוקט אָן זיין טאַטן שטאַר,
ער קוקט אים אָן און וויינט ניט... ער קוקט אים אָן דעם טאַטן זיינעם און האָט אים נישט דערקענט!

טו.

דאָס יינגעלע! און ס'האָט דער דייטש אַרויסגעשלעפּט א צווייטן ייִד פון ריי, אַן „אומשולדיקן" — דו!
און האָט אַוועקגעשטעלט זיי ביידן צו די טויזנטער געחתמ'עטע צום טויט — אזא א שפּאַס!
איך האָב געזען — אָ, לאָזט מיך, פרעגט מיך נישט, ניט פרעגט מיך — וואָס? ניט ווען? ניט פרעגט מיך וואו!
איך האָב באַשוואוירן אייך: ניט פאָרשן גאָרנישט און נישט הערן קיינמאָל פון די מילא־גאַס.

24-25-26.12.1943

יג מיט חלוצים

אָ, פרעגט ניט קיינער, ניט דערמאָנט מיר די מילא־גאַס, ס'איז פול געווען און איז געוואָרן באַלד צוניכטס.
איבער הונדערט טויזנט ייִדן זענען דאָרט געווען מיט קלומיקלעך, מיט רענצעלעך אויף פּלייצעס און אין הענט,
און אין די קלומיקלעך א העמד, א האַנטוך, ברויט א שטיקל מיט קינדער קליינע אויסגעמישט,
בלאַסע ווי דער לייוונט, טרוקן ווי די שטיקלעך ברויט אין זיי, און שטום, פאַרשטומט ווי ווענט.

ב.

ס'האָט ניט געהאָלפן גאָרניט, מען האָט זיי אַלעמען געפונען, אויסגעפונען, זיי דערטאַפּט
טיף אין די קעלערן פון מילא, אויף בוידעמער באַהאַלטן, אויף פּאָליצעס פאַרשטויבט, אין בערגלעך מיסט,
און אומעטום. די מילא־גאַס איז פול געווען מיט אונדז. וואָס קומט אַרויס: געבליבן זענען קנאַפּ!
מען האָט אונדז אויסגעשאָסן אויפן אָרט און צום טויט אַרויסגעפירט אין וועגן וויסט.

ג.

א קליינער טייל פון אונדז האָט אומגעקערט אין שאָפּ זיך, דאָרט אויף דער נאָוואָליפּיע און דער לעש.
איך האָב געדרייט די שפּול־ראָד, מיין זון, מיין איינציק מיר געבליבענער ז'געשטאַנען שטום ביי א מאַשין.
די שאָפּ — אָ, ווינקלען מיאוסע פון א מזבח אומריין, צוואַנציק טויזנט ייִדן קלאַמערן זיך נאָך אָן אייך, די רעשט.
אין געטאָ... ווער ס'האָט אין יענע טעג דעם געטאָ נישט געזען! ווער ס'האָט נישט דאַן פאַרבלאָנדזעט דאָרט אַהין!

ד.

מען האָט געוואוינט אין מיסטקאַסטנס. אין גאַס איז וואַרעם נאָך און אין דער וואוינונג פרעמד —
ס'האָט קיינער אין זיין וואוינונג ניט געוואוינט, און ס'האָט אין וואוינונגען אונהיימליך ג'יאָגט אַ קעלט.
מען האָט דעם אָרימען געקעכטס געגעסן פון א פרעמדן טעלער, געטראָגן נישט דאָס אייגענע די העמד,
אין בעטן פרעמדע קאַלט און האַרט געלייגט זיך... אָ, בעטן פרעמדע, אין א פרעמד געצעלט!

ה.

כ'האָב אָפט זיך איינגעשטעלט, אַרויסגעריסן זיך פון שאָפּ, געשמוגלט זיך געהיים דורך גאַסן לער,
אַריינגעגנב'עט זיך אין געטאָ, כ'האָב צוגעזען א לעבן דאָרט, דאָס לעבן גרויליק אויף א ווייל,
צו וואָס? צו ווען? כ'האָב פריינט געהאַט דאָ נאָנטע — איך האָב זיי קיינעם שוין ניט מער!
כ'האָב אין געאייל אַריינגעריסן זיך אין געטאָ און רייס אַרויס פון דאָרט זיך אין געאייל.

*14*

I watched and saw: They removed a sack from the skinny back of a Jew,
The sack began to cry . . . A child! A Jewish child! The gendarme is furious:
He looks for the father . . . Yells to the child: "Identify him!" The child stares at his father,
He looks at him and doesn't cry . . . He looks at his father but doesn't identify him!

*15*

The little boy! The German hauled out another Jew, an "innocent one". You!
Placed them both with the thousands condemned to die — such a joke!
I saw it — O leave me alone. Don't question. Don't ask — what? when? where?
I warned you not to probe and never to ask about Mila Street.

24–25–26.12.1943

## XIII
## WITH *HALUTZIM*

*1*

O don't ask. Never remind me of Mila Street. It was full and soon became empty.
A hundred thousand Jews were there with bundles, satchels on their backs, in their hands.
In the bundles, shirts, towels, pieces of bread, and infants,
Pale as the linen, dry as the bread and silent as the walls.

*2*

There was no escaping. All were discovered, detected, found
In the deep cellars, in the attics, on dusty shelves, in dustbins,
Mila Street had many Jews, but in the end few remained!
Some were shot on the spot; others taken to die on desolate roads.

*3*

A small remnant returned to the shop on Nowolipie and Lesz.
I operated the loom. My only remaining son stood silently at a machine.
The shop — O horrid corners of an abominable altar. Twenty thousand Jews still cling to you,
The remnant of the ghetto. Whoever saw the ghetto then was horror-stricken!

*4*

People lived in dustbins. In the street it was still warm, at home they felt strange —
Nobody stayed home and an eerie chill blew in the rooms.
They ate poor food from a strange plate, wore a stranger's shirt,
Slept in cold, hard, strange beds . . . O strange beds in strange tents!

*5*

I often risked my life, dashed out of the shop, sneaking through empty streets,
Slipped into the ghetto. For a while I watched the gruesome life there.
Why? What for? I had close friends here — I have none of them now!
I dashed into the ghetto and dashed hurriedly out.

ו.

כ׳האָב פריינט געהאט דאָ, נאָנטע, שרייבער יידישע און מוזיקער און מאָלער — נישטאָ זיי קיינעם שוין,
מען האָט זיי אַלע אויסגעהרג׳עט, הלל צייטלינען — מען האָט אין טלית אים, צום אומשלאַק אים פאַרשלעפּט,
און אויפן אומשלאַק אים דערשאָסן, ישראל שטערן, גילבערט — ברילייאַנטן גרויס אין אונדזער קרוין —
וואַרשאַווסקי׳ס! דאַווידאָוויטשעס! זשאַק לעווים! און אָסטשעגאַס — אַ קרוינען שטאָלץ אויף יידישע קעפּ!

ז.

אין אין אַ וואָך אַרום — און כ׳גנב׳ע זיך אַריין אין געטאָ ווידער... איך האָב דאָרט צוקערמאַנען, יאָ!
יצחק צוקערמאַנען האָב איך, צביה׳ן האָב איך — די שענסטע און די בעסטע אויף דער ערד!
חלוצים! יאָ! ווער זאָגט: מיר האָבן אַלץ אויף דר׳ערד פאַרלוירן שוין? חלוצים זענען דאָ!
ס׳איז דאָ אַן אינהאַלט נאָך, אַן אָנהאַלט... איך וויין ניט, ניין, די אויגן זענען מיר נאָר קוים פאַרטרערט.

ח.

יצחק! ר׳האָט יענע וואָך געבראַכט אַ גרוס פון קראָקוי מיר: לאַבאַן! לאַבאַן דער חלוץ האָט
אַ באַריכט אים אָפּגעגעבן וויפל אָפיצירן, אויסגעוואָרפן פון דער עס־עס מען האָט אָוועקגעלייגט... אַ גרוס,
און ביים באַריכט: „הענט הויך!" לאַבאַן אין אָפיצירן־מאַנטל ז׳אַרעסטירט. יצחק אַנטלאָפן. דרייט פרעמד אין שטאָט
אַרום זיך, מיט אַ פוס אַדורכגעשאָסן, ס׳בלוט רינט אין שטיוול... יצחק! ליגט, ליגט! וואָס מאַכט דער פוס?

ט.

דאָס איז געווען דער זיבעצנטער יאַנואַר, יאָר דריי און פערציק, איך בין געבליבן דאָרט די נאַכט.
און אַז ס׳האָט אָנגעהויבן קוים צו טאָגן — בעסער ווען עס וואָלט ניט ווערן שוין, ניט קיינמאָל טאָג!
איך בין אַרויס אין גאַס, געגרייט אין וועג זיך, פון זאַמענהאָף אויף נאָוואָליפּיע — דער געטאָ איז פאַרמאַכט!
עס־עס צעיאָגט אונדז: צוריק! ס׳קומען אָן זשאַנדאַרמען, הויך די ביקסן, צעשטעלן זיך אין יעדן ראָג.

י.

שוין ווידער! ווידער! וואָס קען שוין זיין דאָ ווידער? עס איז דאָך אויס מיט אונדז. אָך, ס׳ווערט מיר קאַלט און הייס.
איך גיי צוריק צום זון, צו די חלוצים... זיי ווייסן שוין, ס׳האָט ווער פון דרויסן שוין געבראַכט די נייס...
צביה! זע, יצחק, ער אויך איז אויף די פיס, אויף דעם געזונטן און דעם דורכגעשאָסענעם — ווער ווייס
צי ס׳רינט דאָס בלוט פון אים ניט אין דעם שטיוול?... ר׳האָט מיך דערזען און איז פון בלאַס געוואָרן ווייס

יא.

ווי קאַלך... ר׳זענט ווייס ווי קאַלך, יצחק! איך האָב׳ס אים ניט געזאָגט... ער רופט אַ חלוץ צו — „גיי גלייך
און זוך אַ בונקער אויף דאָ אין דעם הויף און פיר אַריין זיי!" איך נעם יצחק׳ן פאַר׳ן האַנט אָן — „הער,
יצחק!" און איך דריק אים פעסט די האַנט. ער רויטלט זיך... „יצחק! איך וויל דאָ זיין מיט אייך,
צבי — אויב ער וויל... ער אויך! ער וויל ניט גיין... יצחק!" און ס׳קומט אַריין אַ חלוץ און פאַרטיילט געווער.

יב.

פאַר מיר איז ניט געווען גאָר נישט — נאָר ס׳איז פאַר מיר, פאַר מיר געווען אַלץ! הגם צו שפּעט...
ניין, ניין! ס׳איז קיינמאָל ניט צו שפּעט! דער לעצטער ייד — קוים לייגט אוועק ער אַ רוצח ראַטעוועט זיין פאָלק!
מען קען אַ פאָלק אַן אויסגעהרג׳עטן שוין ראַטעווען דאָך אויך... ראַטעוועט! איך האָב צו זיי גערעדט,
איך האָב געשטאַרקט זיי, יאָ! אי זיי אי מיך געשטאַרקט, איך האָב צו זיי גערעדט, געוואונטשן זיי דערפאָלג.

6
I had close friends here, Jewish writers, musicians, painters. No one is left.
They were all killed.Hillel Zeitlin was dragged in his *talis* to the *Umschlag*
And shot. Israel Stern, Gilbert — our crown jewels —
The Warszawskis! Dawidowiczes! Jacques Levis! Ostrzegas — O crowns of Jewish glory!

7
And a week later — I slipped again into the ghetto . . . I have Zuckerman there!
I have Yitzhak Zuckerman — and Ziviah — the finest and best on the earth!
*Halutzim!* Yes! Who dares say: "We lost everything on earth?" There are *Halutzim!*
There is still some meaning, some stronghold . . . I'm not crying, no, my eyes are merely tearing.

8
Yitzhak! Last week he brought me regards from Cracow. Laban, the *Halutz*,
Informed him how many murderous S.S. officers were liquidated . . . Regards . . .
While reporting: "Hands up!" Laban in officer's uniform arrested. Yitzhak escaped, roams in a
Strange city. A bullet in his leg, blood oozes in his boot . . . Rest, Yitzhak, rest. How's the leg?

9
It was the seventeenth of January, forty three, I stayed there for the night.
At daybreak — I wish day never came, never dawned!
I went into the street, ready to go. From Zamenhof to Nowolipie — the ghetto was shut!
S.S. disperse us: Go back! Gendarmes arrive, rifles aloft, post themselves on each corner.

10
Again! Again! What can it be now? We are no more. I shiver.
I return to my son, to the *Halutzim* . . . They already know. Someone had informed them.
Ziviah! Look, Yitzhak, too, is on his feet, the healthy one and the wounded — who knows
If the blood still oozes in his boot. He saw me and his ashen face turned white

11
As chalk . . . Yitzhak! You're white as chalk! I did not tell him . . . He calls a *Halutz*:
"Go, find a bunker for them here in the yard." I take Yitzhak's hand— "listen
Yitzhak!" I squeeze it hard. He blushes . . . Yitzhak! I want to stay with you here.
Zvi — "if he wishes . . . He too! He doesn't want to leave . . . Yitzhak!" A Halutz enters and distributes arms.

12
There was nothing for me — yet for me there was everything! Though too late.
No, no! Never too late! The last Jew who kills a murderer saves his people.
Even a murdered people can be saved. Save! I said to them.
I encouraged them and myself. I spoke and wished them success.

יג.

זיי האָבן זיך צעשטעלט, חלוצים אויף דער וואַך, האַרט ביי דער טיר, אין אַלקער און העכער אויף אַ טרעפּ.
לעם פענסטער האָט ווער אויסגערופן שטיל אַלץ וואָס אין גאַס קומט פאָר. איך האָב געקוקט פאַרשטיינערט אין אַ שויב.
זי איז אַרויס צום אומשלאַק... ווי מיר. מען פירט זיי שוין פאַרשוויגענע, אַראָפּגעלאָזן טיף די קעפּ.
אָ, יידן מיינע, לעצטע מיינע פון מיין פאָלק, פאַרוואָס בין איך ניט בלינד? פאַרוואָס בין איך נישט טויב?

יד.

שאַט, אַ געלאָף, זשאַנדאַרמען צוויי אַנטלויפן לענג אויס די גאַס, ס'קומען צוריק באַלד מער. זיי צינדן אונטער אַ געבוי,
אַ הייזל קליין צעפלאַקערט זיך אַנטקעגן מיינע פענסטער, אַ פייערלעשער שלעכט אָנשטאָט צו לעשן — בלאָזט
די פלאַם פונאַנדער, רגייט צום דייטש צו, רעדט צו אים אויף פּויליש: דאָ האָבן זיך באַהאַלטן גאַנצע דריי!
מען שלעפּט אַרויס זיי — און ס'רויטלט זיך דער שניי ווייס און רויכלט וואַרעם זיך אין פראָסט.

טו.

שאַט, שאַט! מען איז שוין דאָ ביי אונדז! איך זע דאָס פּנים ניט פון דייטש, זיין פּלייצע נאָר,
ס'האָט קיינער אים, דעם דייטש, אין פּלייצע ניט געשאָסן, ער האָט אַ קויל באַקומען אין דער ברוסט.
ער פאַלט, דער צווייטער אויך — „די יודען שיסן!" האָט באַוויזן ווער פון זיי דערשטוינט אַ רוף טאָן, יאָ, טאַקע וואָר!
זכריה, דו און גוטמאַן, אליעזר, דאָ, — חלוצים! און אויף דער ניזקאַ — שומרים. יאָ, יודען שיסן! זיי האָבן ס'ניט געוואוסט...

3-4-5.1.1944

יד. די ענד

זיי האָבן ניט געוואוסט, זיך ניט געריכט — „די יודען שיסן!" איך האָב געהערט דעם אויסוואורף'ס עקלדיקע שטים
איידער נאָך די אומריינע נשמה ז'אים אַרויס. ס'איז ניט געווען קיין אויסרוף, נאָר אַ בייז וואונדער — ס'טייטש?!
אַ שטוינען ווייסט און אויסטערליש און אומגעריכט אַזוי: „די יודען שיסן!" אָ, נישט אַליין פון אים,
ס'איז אַ רוף געווען פון אַ מערדער־פאָלק, פון אַכציק מיליאָן: זיי אויך! די יידן מאַכן'ס אויך ווי מיר, ווי יעדער דייטש.

ב.

ווי אונדז! מיר קענען, יאָ, מיר קענען זיך אַנטקעגן שטעלן אויך און אייך דערהרג'ענען, מיר אויך! מיר אויך!
מיר קענען אָבער דאָס וואָס איר האָט קיינמאָל נישט געקענט און וועט ניט קענען קיין מאָל אויף דער ערד —
ניט הרג'ענען אַ צוויטן! ניט אויסראָטן אַ פאָלק ווייל ער איז װערלאָז, וואָס הייבט אומזיסט די אויגן אין דער הויך.
איר קענט ניט: ניט דער הרג'ענען, איר זינדיקע פון דער נאַטור, איר מוזט'ס, אייביקע איר פאָכער מיט דער שווערד.

ג.

איך קען אייך גוט! און איז מיין וואָרט ניט שטאַרק ווי ס'וואָרט פון מיינע אָבות, די נביאים, איך האָב אַדורכגעדרונגען אייך ווי זיי!
אָנהייב יולי, בעת זיי האָבן אָנגעהויבן אונדז אַרויספירן צום טויט פון וואַרשע, האָט מען באַראָטן זיך, איך, ווען איך בין
אויף יענער זיצונג — איך וואָלט געווען מיט די חלוצים, איך וואָלט מיט זיי דאַן אויפגעהויבן אַ געשריי —
תמות נפשי! יאָ... זיי הרג'ענען אויס אונדז אַלע. ווי אין ליטע, אין אוקראַינע, וואָליניען און לובלין!

ד.

ס'וואָלט ניט געהאָלפן, כ'ווייס... ניט ווייל מיר האָבן ניט געהאַט ניט קיינער, ניט קיין סימן פון געווער —
אַ האַק איז אויך פון אייזן, און קוילן גראָבן זיך ניט טיפער איין אין לייב ווי נעגל שאַרף,
נאָר יידן אין אַמעריקאַ, אין ארץ־ישראל, זיי וואָלטן ווייט און טרויעריק אויף אונדז נאָך אונדז געלאָזט אַ טרער
און שטיל, און אפשר ניט גאָר שטיל אַ זאָג געטאָן: אַך, ווען מען שטעלט זיך ניט אַנטקעגן! מען האָט עס ניט באַדאַרפט...

*13*

The *Halutzim* kept guard at the door, in the alcove, on an upper step.
At the window someone whispered what happened in the street; I watched petrified through the pane,
Facing the *Umschlag* . . . Woe unto me! Jews are rounded up. They walk silently with bowed heads.
O my Jews, remnant of my people, why am I not blind? Why am I not deaf?

*14*

Hush! A rampage, two gendarmes scurry along the street, soon more return setting fire to a building
Across from my windows. A small house is ablaze. A wicked fireman fanned the flames
Rather than put them out. He tells a German in Polish: Three are hidden here.
They are hauled out. The white snow reddens and warm smoke rises in the cold air.

*15*

Sh, sh, they are near us here. I don't see the German's face, only his back.
Nobody shot the German in the back. He got a bullet in the chest.
He falls. The other one, too — "the Jews are shooting," one of them screams in amazement, indeed!
You, Zechariah, Gutman and Eliezer here — *Halutzim*. On Niska — *Shomrim*. Yes, "Jews are shooting."

3-4-5.12.1944

## XIV

## THE END

*1*

They neither knew nor expected it. I heard the villain's loathsome voice: "The Jews are shooting!"
Before he gave up his filthy ghost. It wasn't an outcry but a shock: "Unbelievable!"
It was not only his cry of surprise and amazement: "The Jews are shooting."
All the eighty million murderers echoed it: "The Jews, too, act like us, like every German."

*2*

Woe unto us! We are able. We can resist and even kill you. We, too! We, too!
But we can do what you never could and never will — not kill!
Not exterminate a helpless people who raise their eyes in vain on high.
You cannot keep from killing. You're born criminals. You must wave the sword forever.

*3*

I know you well! Though I fall short of my ancestors, the prophets, I know you well.
Early in July, when they began to take us from Warsaw to die, a meeting took place.
Had I been there — I would have joined the Halutzim and shouted,
*Tamut Nafshi!* . . . They'll kill us all as in Lithuania, the Ukraine, Vohlynia, and Lublin.

*4*

I know it would not have mattered . . . Not because we had no arms —
An iron axe is a weapon too. And sharp nails dig into flesh as deeply as bullets.
But the Jews of America and Eretz Israel would have sadly shed a tear from afar,
And quietly and maybe even loudly muttered: O had they not resisted. It was not necessary . . .

ה.

ניין, ניט באדארפט! ווי מיר. איך בין פאר נײ־יאר נאך געזעסן שטום, מיט יידן נאך, מיט לייטערס פון אַ שאָפּ,
און יידן פּויליש־רײדנדיקע האָבן אויסגעדריקט גרויס זייער צאָרן און זייער ווייטאָק קליין — :
„אזא א פאָלק! וואָס האָט געלאָזן זיך ווי קעלבער אויסשעכטן, אזא א פאָלק!" און האָבן בייז געשאָקלט מיטן קאָפּ...
ווי, ווי, דאָס פאָלק וואָס מוז געהרג׳עט ווערן, אויסגעהרג׳עט ווערן אויף דער ערד און איז ניט יוצא נאָך פאַר זיך אַליין!

5

No, not necessary! Woe unto me. Before New Year I still sat silently with Jews, managers of a shop,
Polish speaking Jews expressed their strong indignation and faint grief:
"Such a people! They let themselves be slaughtered like lambs!" and angrily shook their heads...
Woe, woe to a people condemned to die, yet continuing to blame itself!

ו.

דעם אַכטצענטן אין ערשטן האָב איך געזען פינף טויזנט פון מיין פאָלק גענומען און געפירט צום טויט.
און דייטשן צוויי נאָר. רוצחים צוויי האָב איך געזען פון די אין יענעם טאָג אומגעקומענע צוועלף,
נאָר צוועלף! און ס׳האָט אויף זיי. אויף די באַוואָפנטע פּחדנים, פאַרציטערט קאַלט די הויט.
„די יודען שיסן!" און זיי האָבן האַלבע צווייט אין אונדזערע באַהעלטענישן זיך ניט מער באַוויזן, נאָר מחנות׳ווייז ווי וועלף.

6

On the eighteenth of January I saw five thousand of my people carried off to die
And only two Germans, two murderers, I saw of the twelve killed that day,
Only twelve! And the skin trembled on the armed cowards.
"The Jews are shooting!" They no longer appeared in our hideouts in pairs but like wolves, in packs.

ז.

ווי וועלף! איך האָב מיט יידן יונג געקלעטערט איבער מויערן, אויף דעכער שיף, מיט שניי און אייז באַדעקט, אַ גאַנצן בלאָק
פון אכט־און־פופציק זאַמענהאָף אויף פיר־און־פערציק מוראַנאָוו און פונם דאַך אַרונטער אין דעם הויז,
איך מיט חברים עטליכע בלייב אויף דעם בוידעם. און ס׳האָבן עטליכע אַראָפּגעלאָזן זיך פון דאָרטן אויף אַ שטאָק,
דאָס האָבן זיי דערשאָסן נאָך צוויי מערדער, איך האָב זיי ניט געזען, איך האָב געהערט די שאָסן בלויז.

7

Like wolves! With young Jews I climbed walls, a block of sloping, snow-and-ice-covered roofs,
From fifty-eight Zamenhof to forty-four Muranow, and down to the house.
I remained with a few comrades in the attic; others went down a floor,
Killing two more murderers. I didn't see them, I only heard the shots.

ח.

פאַרנאַכט בין איך אוועק מיט אַלעמען אויף מילא איין־און־זעכציק, שוין מיט אַ ביקס און רעוואָלווערן נאָך — אַ שאַטץ!
אינדערפרי האָט מען זיך צעטיילט. איך בין צווישן הונדערטער געזעסן אויף אַ בוידעם — קאַלט און לאַנג און שמאָל,
עס האָט אַ פרוי לעם מיר אַ הוסט געטאָן איין מאָל און נאָך אַמאָל, אַ ייד איז צו איר צוגעשפרונגען ווי אַ קאַץ
און געוואַרט, מיט פינגער אויסגעשטרעקט, מיט נעגל שאַרף — ער הערט אויף נאָך אַ הוסט... קוים הוסט זי נאָך אַמאָל!

8

Toward evening we left for sixty-one Mila, with a rifle and pistols — a treasure!
In the morning we separated. I sat among hundreds in a cold, narrow attic.
A woman next to me coughed, again and again. A Jew pounced on her like a cat,
Waiting with outstretched fingers and sharp nails — lest she coughs again.

ט.

אין אַ וואָך אַרום האָב איך זיך אומגעקערט אין שאָפּ... אויף נאָוואָליפּיע האָבן יידן אויך אַ סך געפעלט,
און אויף דער לעש, דאָרט איז געווען לייכטער אומצובריענגען אונדז, מען האָט דעריבער אונדז אין שאָפּן קאָנצענטרירט.
ביטש! וואו ביסטו, ביטש? פון קליינעם בונד נישט לאַנג און טיף אַ ייד יעצט! מען האָט אויף נאָוואָליפּיע אויך אַנטקעגן זיך געשטעלט!
אויך אויף דער לעש! מען האָט די טעג אויך אין די שאָפּן אויסגעהרג׳עט אונדז, פון שאָפּן אונדז צום טויט אַרויסגעפירט.

9

A week later I returned to the shop... Many Jews were missing on Nowolipie and on Lesz.
There it was easier to kill us. So they gathered us in shops.
Bich! Where are you, Bich? Only recently a young *Bundist* and now a perfect Jew! On Nowolipie and on
In those days we were killed even in the shops, and deported to die.
Lesz Jews resisted.

י.

מיר ווערן ניט פון טאָג צו טאָג און קיינער שטאַרבט ניט, ס׳האָט קיינער ניט באַוויזן שטאַרבן ווי מען איז געווינט געווען אַמאָל.
מען הרג׳עט אויס אונדז, די פון אַ קויל אין גאַס, די פאַרפּייניקט אויף זשעלאַזנאַ הונדערט דריי, און די אַרויסגעפירט — געוואַלד!
מיר ווילט זיך שרייען גוואַלד! מיר ווילט זיך לויפן אין די גאַסן, ווייט און ברייט פאַרברעכן מיט די הענט און שרייען אויפן קול...
און פרייד איז אויך פאַראַן: געווער! מען קויפט געווער! מען רייסט אַרויס זיך אין די וועלדער אויך, צבי וויל אין וואַלד —

10

We dwindle daily but nobody dies. Nobody dies as people used to.
We are killed, some by a bullet in the street, some tortured at hundred-and-three Zelazna, some deported —
I want to shout, to run through the streets wringing my hands and screaming aloud...
There is also joy: Arms! We bought arms! Some escape to the woods, Zvi wants to go there, too.

יא.

אזא א ביסל יידן! אזא אַ קאָפּ און ס׳זענען איבעריקע צווישן זיי דאָ — אַלפרעד נאָסיג ימח שמו
און פּאָליציאַנטן ייִדישע, אַך יידן, יידן וואָס האָבן זיך פאַרקויפט צום דייטש... אין פיין אין דעם איז אונדז אַ טרייסט באַשערט.
יידן שיסן זיי ווי הינט אויס... שיסט! צען שלעכטע יידן הרג׳עט, איידער הרג׳ענען איין שלעכטן גוי.
ניט אַלע הרג׳עט מען. עס זענען געלד־זעק דאָ, און זיי באַשטייערט מען: אַזוי פיל און אַזוי פיל אויף געווער!

11

So few Jews! A handful, among them undesirables — the accursed Alfred Nossig.
And Jewish policemen, Jews who sold themselves to the Germans... Yet there is some comfort.
Jews shoot them like dogs... Shoot! Better kill ten bad Jews than one bad gentile.
Not all are killed. The money bags are taxed... So much for arms!

יב.
און דורכגענג זענען דא דורך בוידעמער, פון לעש אויף נאוואליפיע, פון נאוואליפיע פירט א בוידעם אין א הויף
אויף סמאטשע, פון סמאטשע וויסט א גאס, אז מען פארנעמט מיט א רעוואלווער זיך רעכטס און דורך א לאך
אין א מויער דיק — קומט מען גלייך אריין אין געטא. טרעפט א דייטש דיך — גיי! גיי דרייסט דיין וועג, נישט לויף —
ער איז דיר חושד אז דו האסט געווער און ער מיידט דיך אויס... וואס נאך? וואס ווילסטו טייערער מיין פריינט דען נאך?

יג.
דו ווילסט דאס זעלבע דאך ווי איך... איך וויל עס זאל א שלאק מיך טרעפן, אנידערלייגן מיך. כאטש שוין — און אויס!
די שאפן טראגן זיך אין ארבייטס־לאגערן אריבער מיטן לעצטן הייפל יידן אין לובלינער קאנט —
איך וועל אהין ניט פארן... ניין! ניטא פאר מיר קיין בונקער דא און צו דיר, אריער, קען איך ניט ארויס.
ס'קריגן עטליכע פון קרובים אויסלאנדספעסער, יא... וואלט ערגעץ־וואו זיך עמיצער אן מיר דערמאנט...

יד.
איך בין פאר אלע מיינע שוין געשטארבן... הלוואי וואלט איך געשטארבן, איך אבער וועל ניט שטארבן, ניין, מען וועט
מיך הרג'ענען... איך בין שוין ניט אויף נאוואליפיע, זי ליקווידירט זיך, כ'וואלגער אויף דער לעש זיך שוין זייט טעג.
ביי א באקאנטן זיצט א יונגערמאן בלאס און דערציילט: ער קומט פון וועג יעצט, ער איז אדורכגעגאנגען שטעט
און שטעטלעך אין קרייז־פוילן, ער האט קיין ייד שוין דארטן ניט געזען, ניט באגעגנט קיינעם אויף א וועג.

טו.
דאס איז געווען צוויי טעג פאר פסח. און ערב פסח פרי ז'געווען שוין אויס מיט לעש, און אויף דער לעש
האב איך אין מיין באהעלטעניש געהערט קאנאנען טאג און נאכט, ביינאכט האב איך געזען עס ברענט —
דער געטא ברענט, ער ברענט אויף זיינע מויערן און זיינע לעצטע יידן, ס'פייער העשט און העשט.
דער הימל איז געווען באלויכטן און אויב ס'איז דא דארט ווער, האט צוגעקוקט זיך און געזען די ענד.

9־13.1.1944

טז. נאך אלעמען

די ענד. דער הימל פלאקערט אין די נעכט, ער וויקלט אין א רויך בייטאג זיך און צינדט ביינאכט זיך ווידער אן, א שרעק!
להבדיל ווי דער מדבר, ווילד, אין אונדזער פריסטן אנהייב: בייטאג א וואלקן־זייל און העל א פייער־זייל ביינאכט —
מיין פאלק, ער איז אין פרייד, געשטארקט אין גלויבן, א לעבן יונג אנטקעגן דאן געגאנגען, און יעצט — א סוף, אן עק...
מען האט אונדז אויסגעהרג'עט אלע אויף דער ערד, פון קליין ביז גרויס, מען האט אונדז אלעמען דא אומגעבראכט.

ב.
פארוואס? א, פרעגט ניט, קיינער ניט — פארוואס? ווייל יעדער ווייס עס, פון דעם בעסטן ביז דעם ערגסטן גוי —
דער ערגסטער האט די דייטשן צוגעהאלפן, דער בעסטער האט צוגעקוקט זיך מיט איין אויג, געמאכט זיך... אז ער שלאפט —
ניין, ניין, ס'וועט קיינער ניט קיין רעכנשאפט פארלאנגען, ניט נאכפארשן, ניט פרעגן זיך: פארוואס אזוי?
אונדזער בלוט איז הפקר, מען מעג פארגיסן אים, מען קען אונדז אומברענגען, דערמארדן אומבאשטראפט.

ג.
ביי די פאליאקן האבן זיי געזוכט די פרייהייטס־קעמפער, נאר די אויף וועמען ס'איז געפאלן קוים א חשד
אז ער איז טריי זיין פאלק... די רוסן האט מען אויסגעהרג'עט מערער נאך אין דערפער און אין אלע שטעט —
"פארטיזאנער"! ביי אונדז האט מען געהרג'עט קינדער אין די וויגן, אפילו וואס די מאמע האט נאך ניט געהאט.
מען האט געפירט אונדז אלע אין טרעבלינקי, און פארן טויטן אונדז, געווענדט זיך, צו אונדז גערעדט:

*12*

There are passages through attics, from Lesz to Nowolipie, to a yard on Smocza.
With a pistol turn right from that desolate street through a hole
In a thick wall into the ghetto. Should you meet a German — go boldly forward, don't run —
He suspects you're armed and avoids you. What more can you ask for, dear friend?

*13*

We have the same wish . . . To drop dead of a stroke!
The shops with the last handful of Jews are transferred to labor camps near Lublin.
I'll not go there . . . No! There is no bunker here for me; I can't get to the Aryan side.
Some get foreign passports from relatives . . . Yes, were there only somebody to think of me . . .

*14*

To my friends I'm dead . . . I wish I were. But I'll not die. No!
I'll be killed. I'm no longer on Nowolipie. It's being liquidated. Of late, I stay with a friend on Lesz.
A pale young man tells my friend: He had just returned, passed cities,
Towns in Poland. He neither saw nor met a Jew there.

*15*

This was two days before Passover. And on the eve of Passover Lesz was liquidated.
In my hiding place I heard cannons day and night. At night I saw fire.
The ghetto burned with its walls and its last Jews. The fire crackled.
The sky glowed. Had anyone watched he would have seen the end.

9-13.1.1944

## XV It's All Over

1

The end. At night, the sky is aflame. By day the smoke coils and at night it blazes out again. Awe!
Like our beginning in the desert: A pillar of cloud by day, a pillar of fire by night.° *Exod. 13:21–22.*
Then my people marched with joy and faith to new life, and now—the end, all finished . . .
All of us on earth have been killed, young and old. We have all been exterminated.

2

Why? O don't ask why! Everybody knows, all gentiles, good and bad,
The worst helped the Germans, the best closed one eye, pretending to be asleep—
No, no, nobody will demand a reckoning, probe, ask why.
Our blood is cheap, it may be shed. We may be killed and murdered with impunity.

3

Among the Poles they looked for freedom fighters, only for those suspected
Of patriotism . . . They murdered many Russians in villages and towns—
"Partisans." Among us, they killed babies in their cribs, even the unborn.
They led us to Treblinka and before killing turned to us and said:

ד.

„איר טוט זיך אויס דא, לייגט די קליידער אויף אן ארט, די שיך צו פּאר, לאזט איבער אלץ דא וואס איר האט.
איר וועט דאך אלץ נאך דארפן, די קליידער און די שיך און אלץ, אלץ וואס איר לאזט דא איבער, איר קומט דאך באלד צוריק!
איר זענט פון וועג, איא? פון ווארשא? פון פּאריז? פון פּראג? פון סאלאניקי? גייט נעמט א באד!"
און ס'ווערן טויזנט אין א זאל אריינגעלאזן... און טויזנט ווארטן נאקעט ביז די ערשטע טויזנט ווערט דערשטיקט.

ה.

אזוי האט מען אונדז אומגעבראכט, פון גריכנלאנד ביז אין נארוועגיע און ביז פאר מאסקווע — ביי זיבן מיליאן,
ניט רעכענענדיק קינדער יידישע אין בייכער, אליין די שוואנגערע, די ערב־מאמעס קומען אין באטראכט,
און בלייבט א ייד ווייט אין אמעריקא, אין ארץ־ישראל נאענט — מאן אויך די קינדער ביי דער וועלט. מאן, מאן
די ניט געבוירענע נאך און דערהרג'עט, מאן די דערשטיקטע מיט דער מאמען אין דער מאמעס טראכט.

ו.

פאַרוואָס? עס פרעגט ניט, קיינער ניט אויף דר'ערד, און אלץ, אלץ פרעגט: פאַרוואָס? הער, הער!
יעדע וואוינונג וויסט אין חרובע אין מויערן, אין טויזנט שטעט און שטעטלעך טויזנטער און מערער פרעגט:
פאַרוואָס? הער, הער: ווייל וויסטע דירות זענען לאנג ניט וויסט, און היימען, היימען לערע זענען לאנג ניט לער —
עס קלייבט אן אנדער פאלק אהער אריין זיך און מענטשן אנדערע, אן אנדערע א שפראך, און אנדערע די נעכט און טעג.

ז.

עס וועט די זון מער אין איר אויפשטייג איבער קליין א שטעטעלע אין ליטע און אין פוילן ניט טרעפן שוין א ייד
א ליכטיקן אין פענסטער, אן אלטיטשקן, א זאגנדיקן א קאפיטל תהלים און א צווייטן גייענדיק אין שול —
עס וועלן אלץ נאך פויערן אין פורן אויף אלע וועגן איר אנטקעגן פארן, זיי וועלן אלץ נאך פארן צום יאריד,
אזוי פיל גוים — גוואלד! מערער נאך ווי פריער! און דער מארק, דער מארק איז טויט! דער מארק איז פול און איז ניט פול!

ח.

עס וועט א ייד ניט מער באשיינען די יארידן ווייט ארום, ניט מער באלעבן זיי, ניט מער אריינבלאזן אין זיי א גייסט
און ס'וועט ניט מער צעפאכען זיך א יידישע קאפאטע איבער מערק מיט זעק קארטאפל, מעל און קאשעס, און א האנט
א יידישע וועט ניט א הייב טאן און א טאפ טאן ווייך א הון, א קעלבל ניט קיין גלעט טאן... דאס פויערל א שיכורער, ער שמייסט
זיין פערדעלע אין צער, ער שלעפט די פולע פור צוריק אין דארף אריין... ניטא! ניטא קיין יידן מער אין לאנד!

ט.

און קינדער יידישע — זיי וועלן זיך ניט אויפכאפן פון שלאף שוין, פון חלומות ליכטיק יעדן אין דער פרי —
ניט גיין אין חדר מער, ניט מער פארקוקן זיך אויף פייגעלעך, ניט שטיפן מער, ניט שפילן זיך אין זאמד.
א, יינגעלעך, איר יידישע, א, שיינענדיקע אויגעלעך! מלאכים'לעך... פון וואנען איר? פון הי? און נישט פון הי!
א, שאנקעוודיקע מיידעלעך, איר ליכטיקע, איר ציכטיקע, כאטש איינגעריכט די פנים'לעך און נישט פארקאמט.

4

"Get undressed here. Put your clothes in order, shoes in pairs, leave your belongings.
You'll need your clothes, shoes and other personal effects. You'll soon be back!
You just arrived? From Warsaw? Paris? Prague? Saloniki? Take a bath!"
A thousand enter the hall . . . A thousand wait naked until the first thousand are gassed.

5

Thus they destroyed us, from Greece to Norway to the outskirts of Moscow—about seven million,
Discounting Jewish children in wombs. Only the pregnant mothers are counted.
And if Jews remain in far-away America and in nearby Eretz Israel—demand these children too from them
Demand the murdered unborn children. Demand those gassed in their mothers' wombs. World. Demand.

6

Why? No human being in the world asks why, yet all things do: Why?
Each vacant apartment in thousands of towns and cities asks: Why?
Listen, listen: Apartments will not stay vacant and empty homes will not remain empty.
Another people is moving in, another language and a different way of life.

7

Rising over Lithuanian or Polish towns, the sun will never find
A radiant old Jew at the window reciting Psalms, or going to the synagogue.
On every road peasants will welcome the sun in wagons, going to market.
So many gentiles—more than ever, yet the market is dead. It is crowded, yet seems empty.

8

Never will a Jew grace the markets, and give them life.
Never will a Jewish *kapota* flutter in markets on sacks of potatoes, flour, porridge.
Never will a Jewish hand lift a hen, pet a calf. The drunken peasant
Will whip his horse sadly, return with his full wagon to the village. There are no more Jews in the land.

9

And Jewish children will never wake in the morning from bright dreams,
Never go to *ḥeder*, never watch birds, never tease, never play in the sand.
O little Jewish boys! O bright Jewish eyes! Little angels! From where? From here, yet not from here.
O beautiful little girls. O you bright pure faces, smudged and disheveled.

י.

ניטאָ זיי שוין! אַ פרעגט ניט דאָרט אויף יענע זייטן ים. ניט פרעגט זיך אויף כתריליווקע, ניט אויף יעהופּעץ... לאָזט געמאַך!
זוך ניט קיינער, ניט די מנחם־מענדעלעך, די טוביה־מילכיקערס, די שלמה נגיד׳ס, די מאָטקע גנבֿ׳ס. אַ ניט זוך!
זיי וועלן דיר, ווי די נביאים דיינע, ווי ישעיה, ירמיה, יחזקאל, ווי הושע, עמוס פון דעם אייביקן תנ״ך,
אַרויסוויינען אַזוי פון ביאַליקן, אַרויסריידן צו דיר פון שלום־עליכם׳ן, פון שלום אַש׳ס אַ בוך.

יא.

עס וועט דאָס קול פון תורה זיך ניט לאָזן הערן פון ישיבֿות מער, פון קיין בית־מדרש, און בחורים׳לעך בלאַס,
געאיידלטע אין לערנען, אין פאַרטיפן זיך אין דער גמרא, אין פאַרטראַכטן זיך... ניין, ניין, ניט בלאַס, עס איז אַזאַ אַ שיין!
פאַרלאָשן שוין... רבנים, ראשי ישיבֿות, יידן לערנער, גאונים דאַר און קוואַר און שוואַך און אָנגעפּילט מיט ש״ס,
מיט פּוסקים, קליינע יידעלעך מיט גרויסע קעפּ, מיט הויכע שטערנס, אויגן קלאָר — ניטאָ זיי שוין, זיי וועלן מער ניט זיין.

יב.

עס וועט אַ מאַמע ניט פאַרוויגן מער אַ קינד, מען וועט ניט שטאַרבן שוין בײַ יידן און ניט געבוירן ווערן מער,
ניט געזונגען ווערן וועלן לידער האַרציקע פון יידישע פון דיכטער, פון שרייבער גרויסע, שוין פאַרביי, פאַרביי!
און יידישע טעאַטערס וועלן מער ניט זיין שוין, מען וועט ניט לאַכן דאָרט, ניט לאָזן שטיל אַ טרער,
און מוזיקער און מאָלער יידישע, באַרטשינסקי׳ס, זיי וועלן מער אין פרייד און לייד ניט שאַפן, ניט זוכן וועגן ניי.

יג.

און ס׳וועלן יידן אין די שטעט ניט שטיין אין קאַמף שוין, ניט מקריבֿ זיין זיך מער פאַר יענעמ׳ס וואויל,
מען וועט ניט היילן מער, ניט לינדערן אַ פרעמדן ווייטאָק, ניט פילנדיק דעם אייגענעם, דעם שמאַרץ.
אָ, נאַרישער דו גוי, דו אויך, האָסט פון אַ זייט אין ייד אַריינגעשאָסן, און דיך, דיך אויך געטראָפן האָט די קויל!
אָ, ווער וועט העלפן דיר, די לענדער דיינע בויען? ווער וועט אַזוי אַ סך אוועקגעבן נשמה דיר און האַרץ?

יד.

און מיינע קאָמוניסטן היצקעפּ וועלן זיך ניט אַמפּערן שוין מער, ניט קריגן זיך מיט מיינע מאַכן פונם בונד,
און ביידע זיי מיט מיינע פרייסטע, מיט די טרייסטע מיינע, וואָס האָבן גאַנץ דעם יאָך אויף זיך געשלעפּט —
חלוצים יידישע! זיי האָבן זיך דער וועלט אַוועקגעשאָנקען און ניט פאַרלאָזן זי די אייגענע די וואונד.
כ׳האָב צוגעקוקט זיך צו די קריגערייען און געווייטאָקט... נאָר וואָלט איר ווייטער זיך אַרומגעריסן, אַבי איר וואָלט געלעבט!

טו.

ווי מיר, ניטאָ ניט קיינער שוין... געווען אַ פאָלק, געווען, און שוין ניטאָ... געווען אַ פאָלק, געווען, און שוין... שוין אויס!
אַ מעשה׳לע אַזאַ, עס הייבט פון חומש׳ל זיך אָן און ביז, ביז יעצט... אַ מעשה׳לע גאָר טרויעריק, ווער זאָגט אַז שיין?
אַ מעשה פון עמלק׳ן און ביז אַן ערגערן פון אים, דעם דייטש... אַ הימל ווייט, אַ ברייט די ערד, אַ ימים גרויס —
ניט באַלד צוזאַמען אין איין קנויל זיך און ניט פאַרניכט די שלעכטע אויף דער ערד, זאָלן זיי פאַרניכטן זיך אליין!

15-16-18.1.1944

*Kasrilevke, Yehupetz—fictional towns in Sholem Aleichem's oeuvre.*

*Menachem Mendel, Tevye—Sholem Aleichem's*

*Motke the Thief, Shlovme Nogid—fictional characters in the work of Sholem Asch.*

10

They are no more! Don't ask overseas about Kasrilevke, Yehupetz.° Don't.
Don't look for Menachem Mendels, Tevye the dairymen, Nogids, Motke thieves.° Don't look—
They will, like the prophets, Isaiah, Jeremiah, Ezekiel, Hosea and Amos from the Bible,
Cry to you from Bialik, speak to you from Sholem Aleichem and Sholem Asch's books.

11

Never will the voice of Torah be heard from *yeshivot*, synagogues and pale students,
Purified by study and engrossed in the Talmud . . . No, no, it was not pallor but a glow,
Already extinguished . . . Rabbis, heads of *yeshivot*, scholars, thin, weak prodigies,
Masters of Talmud and Codes, small Jews with great heads, high foreheads, bright eyes—all gone.

12

*Hanoch Barcinski—painter and illustrator; killed in 1942.*

Never will a Jewish mother cradle a baby. Jews will not die or be born.
Never will plaintive songs of Jewish poets be sung. All's gone, gone.
No Jewish theater where men will laugh or silently shed a tear.
No Jewish musicians and painters, Barcinskis,° to create and innovate in joy and sorrow.

13

Jews will fight or sacrifice no longer for others.
They will no longer heal, soothe someone's pain, forgetting their own.
O you foolish gentile, the bullet you fired at the Jew hit you too.
O who will help you build your lands? Who will give you so much of heart and soul?

14

And my hot-headed Communists will no longer bicker and argue with my Bundists,
Neither will they wrangle with my liberty-loving, devoted and conscientious *Halutzim*
Who offered themselves to the world, not forgetting their own woe.
I watched the disputes and grieved . . . If only you could continue to argue and stay alive!

15

Woe is unto me, nobody is left . . . There was a people and it is no more. There was a people and it is . . . Gone . . .
What a tale. It began in the Bible and lasted till now . . . A very sad tale.
A tale that began with Amalek and concluded with the far crueller Germans . . .
O distant sky, wide earth, vast seas. Do not crush and don't destroy the wicked.
Let them destroy themselves!

~~November~~ January 15–18, 1944